STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02274

# VEGN DEM REKHTN OPNOYG IN AL.K.P.(B)

Joseph Stalin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. סטאַלין

# וועגן דעם
# רעכטן אָפּנויג
# אין אל. ק. פּ. (ב).

ISBN:0-657-02274-8
Old Call No.,97-648 v.

צענטראַלער פעלקער-פאַרלאַג פון פססר.
1930 מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק 1930

Главлит № А 58506 Заказ № 154 Тираж 5000 экз

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва, Шлюзовая набережная, 10.

## 1. דער קלאסן-איבערוק און אונדזערע כעלוקעדייעס *

אין וואָס באַשטייען אונדזערע כעלוקעדייעס, מיט וואָס זיינען זיי פאַרבונדן?

זיי זיינען פאַרבונדן קווידעמקאָל מיט דער פראַגע וועגן דעם קלאַסן־איבערוק, וואָס קומט לעצטנס פאָר אין אונדזער לאַנד און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אייניקע כאַוויירים מיינען, אַז די כעלוקעדייעס אין אונדזער פּאַרטיי האָבן אַ צופעליקן כאַראַקטער. דאָס איז ניט ריכטיק, כאַוויירים. דאָס איז אַבסאָליוט ניט ריכטיק. די כעלוקעדייעס אין אונדזער פּאַרטיי זיינען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון יענעם קלאַסן־איבערוק, אויפן באָדן פון יענער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף, וואָס קומט פאָר די לעצטע צייט און וואָס שאַפט אַן איבערבראָך אין דער אַנטוויקלונג. דער הויפּטפעלער פון כ׳ בוכאַרינס גרופּע באַשטייט דעריז, וואָס זי זעט ניט דעם איצטיקן איבערוק און דעם איצטיקן איבערבראָך, זי זעט ניט און וויל זיי ניט באַמערקן. דערמיט, אייגנטלעך, דערקלערט זיך טאַקע יענעם ניט פאַרשטיין די נייע אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי און פון קאָמינטערן, וואָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער נייער אָפּאָזיציע.

צי האָט איר באַמערקט, כאַוויירים, אַז די אָנפירער פון דער נייער אָפּאָזיציע האָבן אין זייערע רעדעס אויפן פּלענום פון צ״ק און צק״ק אַבסאָליוט אויסגעמיטן די פראַגע וועגן קלאַסן־איבערוק

---

* (פון דער רעדע אויפן פּלענום פון צ״ק אלק״פּ(ב) אין אפּרעל 1929 יאָר)

אין אונדזער לאַנד, האָבן מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף און האָבן אַפילע ניט געגעבן די מינדסטע אָנצוהערעניש אַז אונדזערע בעלוקעדייעס זיינען פאַרבונדן טאַקע מיט אָט דער פאַרשאַפונג פונעם קלאַסנקאַמף? זיי האָבן גערעדט וועגן אַלץ: אי וועגן פילאָזאָפיע, אי וועגן טעאָריע, נאָר זיי האָבן קיין איין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם קלאַסן־איבערוק, וואָס באַשטימט די אָריענטאַציע און פראַקטיק פון אונדזער פאַרטיי אין דעם געגעבענעם מאָמענט. מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ טשיקאַווע זאַך? עפשער מיט אַ קורצן זיקאָרן? פאַרשטייט זיך, אַז ניט! פאָליטיקער קאָנען ניט פאַרגעסן דעם איקער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי זעען ניט און פאַרשטייען ניט די נייע רעוואָליוציאָנערע פראָצעסן, וואָס קומען פאָר אַצינד סיי באַ אונדז, אין אונדזער לאַנד, און סיי אין די קאַפיטאַליסטישע לענדער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי האָבן פאַרזען דעם איקער, זיי האָבן פאַרזען דעם קלאַסן־איבערוק, וואָס אַ פאָליטיקער האָט ניט קיין רעכט צו פאַרזען אים. דערמיט אייגנטלעך דערקלערט זיך טאַקע די אָפהענטיקייט און אומבאַוואָפנטקייט, וואָס די נייע אָפאָזיציע ווייזט אַרויס פאַר די נייע אויפגאַבן פון אונדזער פאַרטיי.

דערמאָנט זיך וועגן די לעצטע געשעענישן אין אונדזער פאַרטיי, דערמאָנט זיך וועגן די לאָזונגען, וואָס די פאַרטיי האָט די לעצטע צייט געגעבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נייעם קלאַסן־איבערוק אין אונדזער לאַנד. איך רייד וועגן אַזוינע לאָזונגען, ווי דער לאָזונג — **זעלבסטקריטיק**, דער לאָזונג — פאַרשאַרפונג פו**נעם קאַמף קעגן דעם ביוראָקראַטיזם און די רייניקונג פונם ראַטן־אַפאַראַט**, דער לאָזונג — **אָרגאַניזירונג פון נייע ווירטשאַפטלעכע קאַדרען און רויטע ספעציאַליסטן**, דער לאָזונג — **פאַרשטאַרקן די קאָלווירטישע און ראַטווירטישע באַוועגונג**, דער לאָזונג — **אָנגריף אַפן באַלעגוף**, דער לאָזונג — **אַראָפזעצן דעם קערנקאָסט און פאַר**=

בעסערן ראַדיקאַל די פּראַקטיק פון דער פּראָפאַרייִנישער אַרבעט, דער לאָזונג — פּאַרטיי־רייניקונג און אַז. וו. אייניקע כאַוויירים האָבן זיך דידאָזיקע לאָזונגען אויסגעדרוכט פאַר אַזוינע האַסטיקע, אַז עס פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם און עס שווינדלט אין קאָפּ. אָבער עס איז קלאָר, אַז דידאָזיקע לאָזונגען זיינען די סאַמע נויטיקע און אַקטועלע לאָזונגען פאַר דער פּאַרטיי אינעם געגעבענעם מאָמענט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס אין צוזאַמענהאַנג מיטן שאַכטער איניען האָבן מיר פונסניי געשטעלט די פראַגע וועגן נייע ווירטשאַפטלעכע קאַדרען, די פראַגע וועגן אויסאַרבעטן רויטע ספּעציאַליסטן פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָלן פאַרבייטן די אַלטע ספּעצן. וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין צוזאַמענהאַנג מיטן שאַכטער איניען? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בורזשואַזיע איז נאָך ווייט ניט אינגאַנצן צעקלאַפּט, אַז זי אָרגאַניזירט און וועט אָרגאַניזירן שעדיקונג אין אונדזער ווירטשאַפטלעכער בויונג, אַז אונדזערע ווירטשאַפטלעכע, פּראָפאַרייִנישע און טיילווייז פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרזען די אונטערגראָבונגס־אַרבעט פון אונדזערע קלאַסן סאָנים, אַז מען דאַרף, הייסט עס, אונדזערע אָרגאַניזאַציעס פאַרפעסטיקן און פאַרבעסערן מיט אַלע קרעפטן, מיט אַלע מיטלען, אַנטוויקלענדיק און פאַרפעסטיקנדיק זייער קלאַסן־וואַכזאַמקייט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט זיך פאַרשאַרפט די פראַגע וועגן דעם לאָזונג זעלבסטקריטיק. פאַרוואָס? ווייל מע קאָן ניט פאַרבעסערן אונדזערע ווירטשאַפטלעכע, פּראָפאַרייִנישע און פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס, מע קאָן ניט באַוועגן פאָרויס די סאָציאַליסטישע בויונג און דאָס איינצוימען די בורזשואַזע שעדיקונג, אויב מע זאָל ניט אַנטוויקלען ווי געהעריק די קריטיק און זעלבסטקריטיק, אויב מע זאָל ניט שטעלן אונטערן קאָנטראָל פון די מאַסן די אַרבעט פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס. דען עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז שעדיקונג איז פאָרגעקומען און הערט ניט אויף פאָרצוקומען ניט בלויז אין די קוילן־ראַיאָנען, נאָר אויך אין געביט

פון מעטאַל נאָר אויך אין געביט פון דער מיליטערישער אינדוסטריע, נאָר אויך אין פּאָלקאָמפּאַרקער, אין דער גאָלד- און פּלאַטינע-אינדוסטריע און אַז. וו. און ד. גל. פון דאַנען נעמט זיך דער לאָזונג זעלבסטקריטיק.

ווייטער, אין צוזאַמענהאַנג מיט די שוועריקייטן באַ די ברויט-פּאַרגרייטונגען, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרויסטרעטונג פון די באַלעגופים קעגן דער סאָוועטישער פּרייזן-פּאָליטיק האָבן מיר פּאַרשאַרפט די פראַגע וועגן אַנטוויקלען מיט אַלע מיטלען די קאָלווירטן און ראַטווירטן, וועגן אָנגריף אַפן באַלעגוף, וועגן אָרגאַניזירן די ברויטפּאַרגרייטונגען אין אָרדענונג פון אָנדריקן אַף די באַלעגויִש-פּאַרמעגלעכע עלעמענטן. וואָס האָבן קלאָר געמאַכט די שווערִיקייטן באַ די ברויטפּאַרגרייטונגען? זיי האָבן קלאָר געמאַכט, אַז דער באַלעגוף שלאָפט ניט, אַז דער באַלעגוף וואַקסט, אַז ער גראָבט אונטער די פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט, און אונדזערע פּאַרטייִשע, סאָוועטישע און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, יעדנפאַלס אַ טייל פון זיי, איז אָדער זיי זעען ניט דעם סוינע, אָדער זיי פּאַסן זיך צו צו אים, אָנשטאָט צו קעמפן קעגן אים.

פון דאַנען נעמט זיך די נייע פּאַרשאַרפונג פונעם לאָזונג זעלבסטקריטיק, פונעם לאָזונג רעווידירן און פּאַרבעסערן אונדזערע פּאַרטייִשע, קאָאָפּעראַטיווע און ביכלאַל פּאַרגרייטערשע אָרגאַניזאַציעס.

ווייטער, אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע אופגאַבן פון איבערבויען די אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט אַף אַ סאָציאַליסטישער באַזע איז אַנטשטאַנען דער לאָזונג וועגן אַראָפּזעצן סיסטעמאַטיש דעם קערנקאָסט, וועגן פּאַרשטאַרקן די אַרבעט-דיסציפּלין, וועגן פּאַנאַנדערוויקלען דעם סאָציאַליסטישן געוועט און אַז. וו. דידאָזיקע אויפגאַבן האָבן אַ פאָדער געטאָן איבערצוקוקן די גאַנצע פּראַקטיק פון די פּראָפּעסיאָנעלע פּאַריינען און פונעם ראַטןאַפּאַראַט, אופצולעבן ראַדיקאַל דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און אָפּרייניקן דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס פון די ביוראָקראַטישע עלעמענטן.

פון דאַנען נעמט זיך די פּאַרשאַרפונג פונעם לאָזונג — קאַמף

קעגן ביוראָקראַטיזם אין די פראָפאַריינען און אינעם ראַטן=אַפאַראַט.

ענדלעך, די פראַגע וועגן דעם לאָזונג — פאַרטיי=רייניקונג. עס וואָלט געווען לעכערלעך צו מיינען, אַז מע קאָן פאַרשטאַרקן אונדזערע סאָוועטיש=ווירטשאַפטלעכע און פראָפאַרייניש=קאָאָפעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, אַז מע קאָן זיי אָפרייניקן פון דער ביוראָקראַטישער אומצוכט, ניט האָבנדיק אָפגעשלייפט די פאַרטיי גופע. עס קאָן קיין סאָפעק ניט זיין, אַז ביוראָקראַטישע עלעמענטן לעבן ניט בלויז אין די ווירטשאַפטלעך=קאָאָפעראַטיווע און אין די פראָפאַרייניש=סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך אין די אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַרטיי גופע. אויב די פאַרטיי איז די אָנפירנדיקע קראַפט פון אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס, איז קלאָר, אַז די פאַרטיי=רייניקונג איז יענער נויטיקער באַדינג, וואָס אָן איר קאָן ניט דורכגעפירט ווערן ביזן סאָף די אופלעבונג און פאַרבעסערונג פון אַלע איבעריקע אָרגאַניזאַציעס פונעם אַרבעטער=קלאַס, פון דאַנען נעמט זיך דער לאָזונג וועגן דער פאַרטיי=רייניקונג.

צי זיינען דידאָזיקע לאָזונגען צופעליקע? ניין, ניט קיין צופעליקע. איר זעט אַליין, אַז זיי זיינען ניט קיין צופעליקע. זיי בילדן די נויטיקע רינגען פון איין אומצערייסבאַרער קייט, וואָס רופט זיך אָן אָנגריף פונעם סאָציאַליזם קעגן די עלעמענטן פונעם קאַפיטאַליזם.

זיי זיינען פאַרבונדן קוידעמקאָל מיטן פעריאָד פון אונדזער אינדוסטריעלער און לאַנדווירטשאַפטלעכער רעקאָנסטרוקציע אַף אַ סאָציאַליסטישער באַזע. און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס רעקאָנסטרויִרן די פאָלקס=ווירטשאַפט אַף דער באַזע פון סאָציאַליזם? זי שטעלט פאָר דעם אָנגריף פונעם סאָציאַליזם קעגן די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטן פון דער פאָלקס=ווירטשאַפט אַפן גאַנצן פראָנט. דאָס איז אַן אומגעהויער ערנסטער קער מיצאַד דעם אַרבעטער=קלאַס באַ אונדז אין לאַנד אין דער ריכטונג פון אופהויבן דעם סאָציאַליזם. אָבער קעדיי דורכצופירן דידאָזיקע רע=

קאָנסטרוקציע, דאַרף מען קוידעמקאָל פאַרבעסערן און פאַרשטאַרקן די קאַדרען פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, סיי די ווירטשאַפטלעך=סאָוועטישע און פראָפאַריינישע און סיי די פאַרטייִש=קאָאָפעראַטיווע, דאַרף מען אויסשלייפן אַלע אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, אָפרייניקן זיי פון אומצוכט, דאַרף מען אופהויבן די אַקטיווקייט פון די מיליאָנען מאַסן פונעם אַרבעטער=קלאַס און פויערטום.

דידאָזיקע לאָזונגען זיינען, צווייטנס, פאַרבונדן מיטן פאַקט, וואָס די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטן אין דער פאָלקס=ווירטשאַפט ווייזן אַרויס אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם אָנגרייפנדיקן סאָציאַליזם. מע קאָן ניט רעכענען פאַר קיין צופעליקייט דעם אַזויגערופענעם שאַכטער איניען. „שאַכטינצעם“ זיצן אַצינד אין אַלע צווייגן פון אונדזער אינדוסטריע. אַסאַך פון זיי האָט מען אויסגעפאַנגען, אָבער ווייט נאָך ניט אַלע זיינען אויסגעפאַנגען. די שעדיקונג פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ איז איינע פון די געפערלעכסטע ווידערשטאַנדס=פאָרמען קעגן דעם סאָציאַליזם, וואָס האַלט זיך אין אַנטוויקלען. נאָך מער איז די שעדיקונג געפערלעך דערפאַר, ווייל זי איז פאַרבונדן מיטן אינטערנאַציאָנאַלן קאַפיטאַל. די בורזשואַזע שעדיקונג איז אַ בליסאָפעקדיקער צייגער דערפון, אַז די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטן האָבן נאָך ווייט ניט אַוועקגעלייגט דאָס געווער, אַז זיי זאַמלען קרעפטן פאַר נייע אַרויסטרעטונגען קעגן דער ראַטנמאַכט. וואָס אָנבאַלאַנגט די קאַפיטאַליסטישע עלעמענטן אין דאָרף, קאָן מען אַוואַדע און אַוואַדע ניט רעכענען פאַר קיין צופעליקייט די אַרויסטרעטונג פון די באַלעגופים, וואָס דויערט שוין דאָס צווייטע יאָר, קעגן דער סאָוועטישער פרייזן=פאָליטיק. אַסאַך קאָנען זיך נאָך אַדהאַיאָם ניט דערקלערן דעם פאַקט, וואָס ביזן יאָר 1927 האָט דער באַלעגוף אַליין געגעבן דאָס ברויט, און נאָכן יאָר 1927 האָט ער אופגעהערט אַליין צו געבן דאָס ברויט. אָבער דערין איז קיין שום כידעש ניטאָ. אויב פריער איז נאָך דער באַלעגוף געווען לעפיערעך שוואַך, האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט איינצואָרדענען ערנסט זיין ווירטשאַפט, האָט ניט געהאַט גענוג קאַפיטאַלן אַף פאַרשטאַרקן זיין ווירטשאַפט, אַזוי אַז ער איז געווען

געצוווּנגען אַרויסצוטראָגן אַלע אָדער קימאַט אַלע רעשטן פון זיין ברויט=פּראָדוקציע אַפן מאַרק, איז אַצינד, נאָך אַ ריי געראָטענע יאָרן, ווען ער האָט באַוויזן איינפונדעווען זיך ווירטשאַפטלעך, ווען אים האָט זיך איינגעגעבן אָנזאַמלען די נויטיקע קאַפּיטאַלן, — האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט צו מאַנעווירן אַפן מאַרק, האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט אָפּצולייגן ברויט, דידאָזיקע וואַליוטע שעבעוואַליוטעס, אין רעזערוו פאַר זיך, האַלטנדיק פאַר גלייכער אַרויסצופירן אַפן מאַרק פלייש, האָבער, גערשטן און אַנדערע צווייטראַנגיקע קולטורן. עס וואָלט לעבערלעך געווען אַצינד צו האָפן, אַז מע קאָן נעמען דאָס ברויט באַם באַלעגוף פרייוויליק. אָט ווו עס איז דער מאָקער פונעם ווידערשטאַנד, וואָס דער באַלע=גוף ווייזט אַצינד אַרוים קעגן דער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט.

אָבער וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער ווידערשטאַנד מיצאַ' די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף קעגן דעם סאָציאַליסטישן אָנגריף? דאָס איז אַן איבערגרופּירונג פון די קרעפטן פון די קלאַסן=סאָנים פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס דער ציל אירער איז צו פאַרטיידיקן דאָס אַלטע קעגן דעם נייעם. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז דידאָזיקע אומשטאַנדן מוזן אַ‏ייִם=רופן אַ פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף. אָבער קעדיי אָפּצושלאָגן דעם ווידערשטאַנד פון די קלאַסן=סאָנים און אָפּצורייניקן דעם יונג פאַרן גאַנג פונעם סאָציאַליזם איז, כוץ אַלעם אַנדערן, נויטיק, אויס=שלייפן אַלע אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, אָפּרייניקן זיי פונעם ביוּ=ראָקראַטיזם, פאַרבעסערן זייערע קאַדרען און מאָביליזירן די מי=ליאָנען מאַסן פונעם אַרבעטער=קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע שיכטן אין דאָרף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין שטאָט און דאָרף.

איז אָט, אַפן באָדן פון וואָס פאַר אַ קלאַסן=איבערוק עס זיינען אַנטשטאַנען די איצטיקע לאָזונגען פון אונדזער פאַרטיי.

דאָסזעלבע דאַרף מע זאָגן וועגן דעם קלאַסן=איבערוק אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. עס וואָלט געווען לעבערלעך צו מיינען, אַז די סטאַביליזאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם איז געבליבן אָן ענדע=

רונגען. נאָך מער וואָלט געווען לעכערלעך צו באַהויפּטן, אַז די סטאַביליזאַציע פאַרשטאַרקט זיך, אַז זי ווערט פעסט. אינדערעמעסן ווערט זי אונטערגעשוועכט און צעטרייסלט מיט יעדן כוידעש, מיט יעדן טאָג. די פאַרשאַרפונג פונעם קאַמף פאַר די מערק און פאַר רויוואַרג, דער וווּקס פון די באַוואָפענונגען, דער וווּקס פונעם אַנטאָגאָניזם צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד, דער וווּקס פונעם סאָציאַליזם אין ראַטנפאַרבאַנד, דאָס לינק ווערן פונעם אַרבעטער-קלאַס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די כוואַליע שטרייקן און קלאַסן-שלאַכטן אין די אייראָפּייִשע לענדער, דער וווּקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די קאָלאָניעס, דערין אויך אין אינדיע, דער וווּקס פונעם קאָמוניזם אין אַלע לענדער פון דער וועלט, — אָט דאָס זיינען אַזוינע פאַקטן, וואָס ווייזן בעפּיירעש, אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואַקסן אָן עלעמענטן פון אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אופשטייג.

פון דאַנען נעמט זיך די אופגאַבע צו פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, און קוידעמקאָל קעגן איר „לינקן" פליגל, אַלס דעם סאָציאַלן אָנשפאַר פונעם קאַפּיטאַליזם. פון דאַנען נעמט זיך די אופגאַבע צו פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן די רעכטע עלעמענטן אין די קאָמפּאַרטייען, אַלס אַן אַגענטור פונעם סאָציאַלדעמאָקראַטישן איינפלוס. פון דאַנען נעמט זיך די אופגאַבע צו פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן דער טאָלעראַנטער באַציונג צום רעכטן אָפּנויג, אַלס מאָקעם-מיקלעט פאַרן אָפּאָרטוניזם אין די קאָמפּאַרטייען. פון דאַנען נעמט זיך דער לאָזונג אָפּצורייניקן די קאָמפּאַרטייען פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע טראַדיציעס. פון דאַנען נעמט זיך די אַזוי גערופענע נייע טאַקטיק פונעם קאָמוניזם אין די פּראָפאַריינען. איינציקע כאַווירים פאַרשטייען ניט דעם זין און די באַדייטונג פון דידאָזיקע לאָזונגען. אָבער דער מאַרקסיסט וועט שטענדיק פאַרשטיין, אַז אויב מע זאָל ניט פאַרווירקלעכן דידאָזיקע לאָזונגען, קאָן ניט געמאָלט זיין דאָס צוגרייטן די פּראָלעטאַרישע מאַסן צו די נייע קלאַסן-שלאַכטן, קאָן ניט געמאָלט זיין דער ניצאָכן איבער דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, איז אומעגלעך

דורכצופירן דעם אָפּקלייב פון די ווירקלעכע לידערס פון דער קאַמוניסטישער באַוועגונג, וואָס זאָלן זיין פעיִק צו פירן דעם אַרבעטער=קלאַס אין קאַמף פון אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם.

אָט דאָס, כאַווירים, איז עס דער קלאַסן=איבערוק בא אונדז אין לאַנד און אין די לענדער פונעם קאַפּיטאַליזם, וואָס אַף זיין באַזע זיינען אויסגעוואַקסן די איצטיקע לאָזונגען פון אונדזער פּאַרטיי סיי לויט דער ליניע פון איר אינערלעכער פּאָליטיק און סיי לויט דער ליניע פונעם קאָמינטערן.

אונדזער פּאַרטיי זעט דעמדאָזיקן קלאַסן=איבערוק. זי פאַרשטייט די באַדייטונג פון די נייע אופגאַבן און מאָביליזירט די קרעפטן אַף צו לייזן דידאָזיקע אופגאַבן. דעריבער באַגעגנט זי די געשעענישן אין פולער באַוואָפּענונג. דעריבער האָט זי קיין מוירע ניט פאַר די שוועריקייטן, וואָס שטייען פאַר איר, וויל זי איז גרייט בייצוקומען זיי.

דער אומגליק פון דער נייער אָפּאָזיציע, דער אומגליק פון כ' בוכאַרינס גרופּע באַשטייט דערין, וואָס זי זעט ניט דעמדאָזיקן קלאַסן=איבערוק און פאַרשטייט ניט די נייע פּאַרטיי=אופגאַבן. און דאַפקע דערפאַר, וויל זי פאַרשטייט זיי ניט, לעבט זי איבער אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער אָפּהענטיקייט, איז זי גרייט צו אַנטלויפן פון די שוועריקייטן, אָפּצוטרעטן פאַר זיי, אָפּצוגעבן די פּאָזיציעס.

צי האָט איר געזען פישער פאַר אַ שטורעם אַף אַ גרויסן טייך, ווי, לעמאָשל, יעניסעי? איך האָב זיי געזען ניט איין מאָל. עס טרעפט, אַז ווען אַ שטורעם האַלט באַם אָנקומען, מאָביליזירט איין גרופּע פישער אירע גאַנצע קרעפטן, באַגייסטערט אירע מענטשן און פירט דרייסט דאָס שיפל אַנטקעגן דעם שטורעם: „האַלט זיך, כעוורע, פעסטער פאַרן רודער, שנייד די כוואַליעס, מיר וועלן אויספירן!“ עס טרעפט אָבער אויך אַז אנדער מין פישער, וואָס ווי נאָר זיי דערשפירן אַ שטורעם, פאַרלירן זיי דעם מוט, הויבן אָן צו אָכצען און קרעכצן און דעמאָראַליזירן זייערע אייגענע רייען: „אָט אַן אומגליק, אַ שטורעם קומט אָן, לייגט זיך, כעוורע, אַפן

דעק פונעם שיפֿל, פֿאַרמאַכט די אויגן, עפּשער וועט עס ווי ניט איז אַרויסטראָגן אַפּן ברעג" (אַלגעמיינער געלעכטער). צו דאַרף מען דען נאָך דערווייזן, אַז די ציל=אַנגעווענדטקייט און אויפֿירונג פֿון כ' בוכאַרינס גרופּע זיינען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך אַף דער ציל=אַנגעווענדטקייט און אויפֿירונג פֿון דער צווייטער גרופּע פֿישער, וואָס טרעטן אָפּ אין פּאַניק פֿאַר די שוועריקייטן.

מיר זאָגן, אַז אין אייראָפּע ווערן רייף די באַדינגונגען פֿון אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן אופשטייג, אַז דאָס דיקטירט אונדז נייע אופגאַבן אַף צו פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג אין די קאָמפּאַרטייען און אַרויסצוטרייבן די רעכטע אָפּנויגלער פֿון דער פּאַרטיי, אַף צו פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דער טאָלעראַנט=לעריי, וואָס פֿאַרדעקט דעם רעכטן אָפּנויג, אַף צו פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן די סאָציאַלדעמאָקראַטישע טראַדיציעס אין די קאָמפּאַרטייען און אַז. וו. און ד. גל. און כ' בוכאַרין ענטפֿערט אונדז, אַז דאָס אַלץ זיינען פּוסטע זאַכן, אַז בא אונדז זיינען גאָר ניטאָ קיין שום נייע אופגאַבן, אַז אינדערעמעסן גייט עס אין דעם, וואָס די מערהייט צ"ק וויל אים, ד. ה. דעם כ' בוכאַרין, „דורכ=אַרבעטן".

מיר זאָגן, אַז דער קלאַסן=איבערוק אין אונדזער לאַנד דיקטירט אונדז נייע אופגאַבן, וואָס פֿאַדערן אַראָפּצוזעצן סיסטעמאַטיש דעם קערנקאַסט און צו פֿאַרשטאַרקן די אַרבעט=דיסציפּלין אין די אונ=טערנעמונגען, אַז עס איז אומעגלעך דורכצופֿירן דידאָזיקע אופֿ=גאַבן, אויב מע זאָל ראַדיקאַל ניט ענדערן די גאַנצע פּראַקטיק אין דער אַרבעט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. און כ' טאָמסקי ענט=פֿערט אונדז, אַז דאָס זיינען אַלץ פּוסטע זאַכן, אַז קיין שום נייע אופגאַבן זיינען ניטאָ בא אונדז, אַז אינדערעמעסן האַנדלט זיך עס וועגן דעם, וואָס די מערהייט צ"ק וויל אים, ד. ה. דעם כ' טאָמסקי „דורכאַרבעטן".

מיר זאָגן, אַז די רעקאָנסטרוקציע פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט דיקטירט אונדז נייע אופגאַבן אַף פֿאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דעם ביוראָקראַטיזם אינעם סאָוועטיש=ווירטשאַפֿטלעכן אַפּאַראַט,

אַף אָפּרייניקן דעמדאָזיקן אַפּאַראַט פון די פּאַרפוילטע איו פרעמדע עלעמענטן, פון די שעדיקער א. אַז. וו. א. ד. גל. און כ׳ ריקאָוו ענטפערט אונדז, אַז דאָס אַלץ זיינען פוסטע זאַכן, אַז קיין שום נייע אופגאַבן זיינען בײַ אונדז ניטאָ, אַז אינדערעמעסן גייט עס אין דעם, וואָס די מערהייט צ״ק וויל אים, ד. ה. דעם כ׳ ריקאָוו, „דורכאַרבעטן“.

נו, איז דאָס דען ניט לעכערלעך, כאַווײַרים? איז דען ניט קלאָר, אַז אַכוץ זייער נאָפּל זעען די כ״כ בוכאַרין, ריקאָוו, און טאָמסקי קיין זאַך ניט אין דער וועלט?

דער אומגליק פון כ׳ בוכאַרינס גרופּע באַשטייט דערין, וואָס זי זעט ניט דעם נייעם קלאַסן־איבערוק, און פאַרשטייט ניט די נייע פּאַרטיי־אופגאַבן. און גראָד דערפאַר, ווייל זי פאַרשטייט זיי ניט, איז זי געצווונגען נאָכשלעפּן זיך נאָך די געשעענישן און אָפּצוטרעטן פאַר די שוועריקייטן.

אָט וו עס איז דער מאָקער פון אונדזערע כעלוקעדייעס.

## 2. די כעלוקעדייעס לויט דער ליני:ע פונעם קאָמינטערן

איך האָב שוין געזאָגט, אַז כ׳ בוכאַרין זעט ניט און פאַרשטייט ניט די נייע אופגאַבן פונעם קאָמינטערן אַרויסצוטרייבן די רעכטע פון די קאָמפּאַרטייען, איינצוצוימען די טאָלעראַנטלעריי און אָפּצורייניקן די קאָמפּאַרטייען פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע טראַדיציעס -- אופגאַבן, וואָס ווערן דיקטירט דורך די אָנוואַקסנדיקע באַדינגונגען פונעם נייעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג. דידאָזיקע האַנאָכע האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט אונדזערע כעלוקעדייעס איבער די פראַגן פונעם קאָמינטערן.

פון וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן די כעלוקעדייעס אין דעמדאָזיקן געביט?

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון כ׳ בוכאַרינס טעזיסן אַפן VI קאָנגרעס איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. געוויינלעך פלעגן די

טעזיסן אַפּריער באַטראַכט ווערן אין דער דעלעגאַציע פון אַלק"פ. אָבער אין דעם געגעבענעם פאַל איז דערדאָזיקער באַדינג ניט אָפּגעהיט געוואָרן. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די טעזיסן מיט כ' בוכאַרינס אונטערשריפט, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן דער דעלעגאַציע פון אַלק"פ, זיינען גלייכצייטיק פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן די אויסלענדישע דעלעגאַציעס פונעם VI קאָנגרעס. אָבער די טעזיסן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט קיין צופרידנשטעלנדיקע אין אַ גאַנצער ריי פונקטן. דער דעלעגאַציע פון אַלק"פ איז אויסגעקומען אַריינצוטראָגן אין די טעזיסן באַ 20 אויסבעסערונגען.

אָט דאָס האָט געשאַפן אַ געוויסע אומבאַקוועמלעכקייט אין כ' בוכאַרינס לאַגע. און ווער איז אין דעם שולדיק? צו וואָס האָט כ' בוכאַרין געדאַרפט פאַנאַנדערשיקן די טעזיסן די אויסלענדישע דעלעגאַציעס איידער די דעלעגאַציע פון אַלק"פ האָט זיי באַטראַכט? צי האָט די דעלעגאַציע פון אַלק"פ געקאָנט ניט אַריינטראָגן אויסבעסערונגען, אויב די טעזיסן האָבן זיך אַרויסגעוויזן ניט צופרידנשטעלנדיקע? איז אָט האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז פון דער דעלעגאַציע פון אַלק"פ זיינען אַרויס, אין טאָך גענומען, נייע טעזיסן איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, וואָס די אויסלענדישע דעלעגאַציעס האָבן גענומען אַנטקעגנשטעלן די אַלטע טעזיסן, וואָס כ' בוכאַרין האָט אונטערגעשריבן. עס איז קלאָר, אַז דידאָזיקע אומבאַקוועמלעכקייט וואָלט ניט געווען, ווען כ' בוכאַרין וואָלט זיך ניט צוגעאיילט מיטן פאַנאַנדערשיקן זיינע טעזיסן די אויסלענדישע דעלעגאַציעס.

איך וואָלט געוואָלט פאַרצייכענען פיר גרונט-אויסבעסערונגען, וואָס די דעלעגאַציע פון אַלק"פ האָט אַריינגעטראָגן אין כ' בוכאַרינס טעזיסן. איך וואָלט געוואָלט פאַרצייכענען דידאָזיקע גרונט-אויסבעסערונגען, קעדיי קלערער צו דעמאָנסטרירן דעם כאַראַקטער פון די כעלוקעדייעס איבער די פראַגן פונעם קאָמינטערן.

**די ערשטע פראַגע** איז די פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פון דער סטאַביליזאַציע פונעם קאַפּיטאַליזם. באַם כ' בוכאַרין איז אויסגעקומען אין זיינע טעזיסן אַזוי, אַז קיין שום נייס,

וואָס צעטרייסלט די קאַפּיטאַליסטישע סטאַביליזאַציע, קומט ניט פאַר אינעם געגעבענעם מאָמענט, אַז, פאַרקערט, דער קאַפּיטאַליזם רעקאָנסטרוירט זיך און האַלט זיך אין גרונט גענומען מער אָדער ווייניקער פעסט. עס איז קלאָר, אַז מיט אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פונעם אַזוי גערופענעם דריטן פעריאָד, ד. ה. פון דעם פעריאָד, וואָס מיר לעבן איצט איבער, האָט די דעלעגאַציע פון אַלק"פ ניט געקאָנט מאַסקים זיין. זי האָט דערמיט ניט געקאָנט מאַסקים זיין, ווייל ווען זי לאָזט איבער אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פונעם דריטן פעריאָד, וואָלט דאָס געקאָנט געבן אַ געלעגנהייט אונדזערע קריטיקער צו זאָגן, אַז מיר שטעלן זיך אַפן שטאַנדפונקט פון דער אַזוי גערופענער „געזונטמאַכונג" פונעם קאַפּיטאַליזם, ד. ה. אַף הילפערדינגס שטאַנדפונקט, אַפן שטאַנדפונקט, וואָס מיר, קאָמוניסטן, קאָנען אַף אים ניט שטיין. דעריבער האָט די דעלעגאַציע פון אַלק"פ אַריינגעטראָגן אַן אויסבעסערונג, וואָס פון איר איז צו זען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סטאַביליזאַציע איז ניט קיין פעסטע און קאָן ניט זיין קיין פעסטע, אַז זי ווערט צעטרייסלט און וועט צעטרייסלט ווערן דורכן גאַנג פון די געשעענישן, ווייל דער קריזיס פונעם וועלט-קאַפּיטאַליזם ווערט פאַרשאַרפט. דידאָזיקע פראַגע, כאַווײרים, האָט אַ אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר די סעקציעס פונעם קאָמינטערן. צי ווערט צעטרייסלט אָדער פאַרפעסטיקט די קאַפּיטאַליסטישע סטאַביליזאַציע, — פון דעם הענגט אָפּ די גאַנצע ציל-אָנגעווענדטקייט פון די קאָמפּאַרטייען אין זייער אַלטעגלעכער פּאָליטישער אַרבעט. צו לעבן מיר איבער אַ יערידע-פעריאָד פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אַ פעריאָד פון איינפאַכער קרעפטן-אָנזאַמלונג, אָדער מיר לעבן איבער אַ פעריאָד, ווען עס וואַקסן אָן די באַדינגונגען פון אַ נייעם רעוואָליוציאָנערן אויפשטייג, אַ פעריאָד, ווען דער אַרבעטער-קלאַס גרייט זיך צו די אָנקומענדיקע קלאַסן-שלאַכטן, — פון דעם הענגט אָפּ די טאַקטישע ציל-אָנגעווענדטקייט פון די קאָמפּאַרטייען. די אויסבעסערונג פון דער דעלעגאַציע פון אַלק"פ, וואָס דער קאָנגרעס האָט נאָכדעם אָנגענומען, איז דערמיט, אייגנטלעך, גוט, וואָס זי גיט אַ

קלאָרע ציל־אָנגעווענדטקייט אַף דער צווייטער פּערספּעקטיוו, אַף דער פּערספּעקטיוו, ווי עס וואַקסן אָן די באַדינגונגען פונעם נייעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג.

**די צווייטע פראַגע** איז די פראַגע וועגן דעם קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז דער קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז איינע פון די גרונט־אופגאַבן פון די סעקציעס פונעם קאָמינטערן. דאָס איז פאַרשטייט זיך ריכטיק. אָבער דאָס איז ניט גענוג. קעדיי דער קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָל גיין מיט דערפאָלג, איז נויטיק צו פאַרשאַרפן די פראַגע אַפן קאַמף קעגן דעם אַזוי גערופענעם „לינקן“ פליגל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קעגן דעמזעלבן „לינקן“ פליגל, וואָס שפּילט זיך מיט „לינקע“ פראַזן, אָפנאַרנדיק אַזוי אַרום געשיקט די אַרבעטער, און טאָרמאָזירט דאָס אַוועקגיין פון די אַרבעטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס איז קלאָר, אַז ניט צעקלאַפּנדיק די „לינקע“ סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איז אומעגלעך בייצוקומען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ביכלאַל. אָבער אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן, ווייזט זיך אַרויס, איז די פראַגע וועגן דער „לינקער“ סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אינגאַנצן אויסגעמיטן געוואָרן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער כיסאָרן. דעריבער האָט די דעלעגאַציע פון אַלק״פּ געמוזט אַריינטראָגן די אַנטשפּרעכנדיקע אויסבעסערונג אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן, וואָס דער קאָנגרעס האָט נאָכדעם אָנגענומען.

**די דריטע פראַגע** איז די פראַגע וועגן טאָלעראַנטלעריי אין די סעקציעס פונעם קאָמינטערן. אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן האָט זיך גערעדט וועגן דער נויטיקייט צו קעמפן קעגן דעם רעכטן אָפּנויג, אָבער דאָרט איז ניט געווען קיין איין וואָרט וועגן קאַמף קעגן דער טאָלעראַנטער באַציִונג צום רעכטן אָפּנויג. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער כיסאָרן. די מאַיסע דערפון איז, וואָס ווען עס ווערט דערקלערט אַ מילכאָמע דעם רעכטן אָפּנויג, פאַרבן זיך איבער געוויינלעך די רעכטע אָפּנויגלער אין טאָלעראַנטלער און שטעלן די פּאַרטיי אין אַ שווערער לאַגע. קעדיי צו פאַרהיטן זיך

פון דעמדאָזיקן מאַנעווער פון די רעכטע אָפּנויגלער, איז נויטיק צו שטעלן די פראַגע וועגן קעמפן אַנטשיידן קעגן דער טאָלעראַנטלערײַ. דעריבער האָט די דעלעגאַציע פון אַלק״פ געהאַלטן פאַר נויטיק אַרײַנצוטראָגן די אַנטשפּרעכנדיקע אויסבעסערונג אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן, וואָס דער קאָנגרעס האָט נאָכדעם אָנגענומען.

די פערטע פראַגע איז די פראַגע וועגן דיסציפּלין. אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן איז ניט דערמאָנט געוואָרן וועגן דער נויטיקייט אָפּצוהיטן די אײַזערנע דיסציפּלין אין די קאָמפּאַרטייען. דאָס איז אויך ניט קיין אומבאַדײַטנדיקער כיסאָרן. פאַרוואָס? ווײַל אינעם פּעריאָד, ווען דער קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג פאַרשטאַרקט זיך, אינעם פּעריאָד, ווען עס ווערט דורכגעפירט דער לאָזונג וועגן אָפּרייניקן די קאָמפּאַרטייען פון די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אָרגאַניזירן זיך געוויינלעך די רעכטע אָפּנויגלער אין אַ פראַקציע, שאַפן זייער אייגענע פראַקציאָנעלע דיסציפּלין, און די פּאַרטיי-דיסציפּלין ברעכן זיי און צעשטערן. קעדיי צו פאַרהיטן די פּאַרטיי פון די פראַקציאָנעלע אַרויסטרעטונגען פון די רעכטע אָפּנויגלער, איז נויטיק צו שטעלן די פראַגע וועגן דער אײַזערנער פּאַרטיי-דיסציפּלין און וועגן דעם, אַז די פּאַרטיי-מיטגלידער דאַרפן זיך אַבסאָליוט אונטערוואַרפן דעראָזיקער דיסציפּלין. אָן דעם איז גאָר ניטאָ וואָס צו טראַכטן אַפילע וועגן אַן ערנסטן קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג. דעריבער האָט די דעלעגאַציע פון אַלק״פ אַרײַנגעטראָגן אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן די אַנטשפּרעכנדיקע אויסבעסערונג, וואָס דער VI קאָנגרעס האָט נאָכדעם אָנגענומען.

צי האָבן מיר דען געקאָנט ניט אַרײַנטראָגן דידאָזיקע אויסבעסערונגען אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן? עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן ניט געקאָנט. פאַרצײַטנס פלעגט מע זאָגן וועגן דעם פילאָזאָף-פּלאַטאָן: פּלאַטאָנען האָבן מיר ליב, אָבער דעם עמעס נאָך מער. דאָס זעלבע האָט מע געקאָנט זאָגן וועגן דעם כ בוכאַרין: בוכאַרינען האָבן מיר ליב, אָבער דעם עמעס, אָבער די פּאַרטיי, אָבער דעם קאָמינטערן, האָב מ׳יר נאָך מער ליב. דעריבער איז די דעלעגאַציע

פון אַלק״פּ געווען געצוווּנגען אַריינצוטראָגן דידאָזיקע אויסבעסערונגען אין כ׳ בוכאַרינס טעזיסן.

דאָס איז אַזוי צו זאָגן דער ערשטער עטאַפּ פון אונדזערע כעלוקעדייעס איבער די פראַגן פונעם קאָמינטערן.

דער צווייטער עטאַפּ פון אונדזערע כעלוקעדייעס ווערט פאַרבונדן מיט דער אַזוי גערופענער מאַיסע־וויטאָרף און טעלמאַן. וויטאָרף איז דער געוועזענער סעקרעטאַר פון דער האַמבורגער אָרגאַניזאַציע, וואָס מע האָט אים באַשולדיקט אין פאַרשווענדן פאַרטייִשע געלטער. מע האָט אים דערפאַר אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי. די טאָלעראַנטלער אינעם צ״ק פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי האָבן זיך אויסגענוצט מיט וויטאָרפס נאָענטקייט צום כ׳ טעלמאַן, האַגאַם כ׳ טעלמאַן האָט ניט געהאַט קיין שום שייכעס צו וויטאָרפס פאַרברעכן, האָבן די מאַיסע־וויטאָרף פאַרוואַנדלט אין מאַיסע־טעלמאַן און האָבן גענומען אומוואַרפן די אָנפירונג פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. איר ווייסט שוין אַוואַדע פון די מיטיילונגען אין דער פרעסע, אַז די טאָלעראַנטלער עווערט און הערכאַרט האָט זיך דעמאָלט איינגעגעבן מיטציען מיט זיך צייטווייליק די מערהייט צ״ק פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי קעגן דעם כ׳ טעלמאַן. איז וואָס איז געוואָרן? זיי האָבן באַזייטיקט טעלמאַנען פון דער אָנפירונג, האָבן אים גענומען באַשולדיקן אין קאָרופּציע און פאַרעפנטלעכט אין „אַנטשפּרעכנדיקע״ רעזאָליוציע אָן דעם וויסן און סאַנקציע פונעם קאָמינטערן־אויספירקאָם. אַזוי אַרום האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אָנשטאָט אויסצופילן די דירעקטיוו פונעם VI קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן וועגן קאַמף קעגן טאָלעראַנטלעריי, אָנשטאָט צו קעמפן קעגן דעם רעכטן אָפּנויג און טאָלעראַנטלעריי, — האָט מען אין דער ווירקלעכקייט אַף אַ גראָבן אויפן אויווער געווען דידאָזיקע דירעקטיוו, ס׳האָט זיך באַקומען אַ קאַמף קעגן דער רעוואָליוציאָנערער אָנפירונג פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי, קעגן דעם כ׳ טעלמאַן, אַ קאַמף, וואָס האָט

דעם ציל צו פ אַ ר ד ע ק ן דעם רעכטן אָפּנויג און ב אַ פ ע ס־ט י ק ן די טאָלעראַנטלעריי אין די רייען פון די דייטשישע קאָ־מוניסטן.

איז אָט, אַנשטאָט אַ דרייַ צו טאָן דעם רודער און אויסגלייכן די לאַגע, אַנשטאָט אופצושטעלן אין די רעכט די גע־בראָכענע דירעקטיוו פונעם VI קאָנגרעס, רופן צו אָרדענונג די טאָלעראַנטלער, לייגט פּאַר כ׳ בוכאַרין אין זיין באַוווסטן בריוו צו ס אַ נ ק צ י אָ נ י ר ן די איבערקערעניש פון די טאָלעראַנטלער, אָפּ־צוגעבן די קפּ״ד די טאָלעראַנטלער, און דעם כ׳ טעלמאַן ווידעראַמאָל מיעם מאַכן אין דער פּרעסע און מאַכן נאָך אַמאָל אַ דערקלערונג, אז ער איז שולדיק. און דאָס רופט זיך אָן „אָנפירער“ פונעם קאָ־מינטערן! זיינען דען פאַראַן אַף דער וועלט אַזוינע „אָנפירער“?

דער צ״ק האָט באַהאַנדלט כ׳ בוכאַרינס פאָרשלאַג און אים אָפּ־געוואָרפן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלן געוואָרן דעם כ׳ בו־כאַרין. אָבער ווער איז דאָ שולדיק? די באַשלוסן פונעם VI קאָנ־גרעס זיינען אָנגענומען געוואָרן ניט צוליב דעם, קעדיי זיי אויוועק צו זיין, נאָר צוליב דעם, זיי אויסצופילן. אויב דער VI קאָנגרעס האָט באַשטימט צו דערקלערן אַ קאַמף דעם רעכטן אָפּנויג און דער טאָלעראַנטלעריי און איבערלאָזן די אָנפירונג באַם גרונטקערן פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי מיטן כ׳ טעלמאַן בעראָש, און די טאָלעראַנטלער עווערט און הערכאַרט איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק אומצוּוואַרפן דעמדאָזיקן באַשלוס, איז כ׳ בוכאַרינס פליכט געווען רופן צו אָרדענונג די טאָלעראַנטלער, און ניט איבערלאָזן באַ זיי די אָנפירונג אין דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי. שולדיק איז כ׳ בו־כאַרין, וואָס האָט „פאַרגעסן“ די באַשלוסן פונעם VI קאָנגרעס.

ד ע ר ד ר י ט ע ר ע ט אַ פּ פ ו ן א ו נ ד ז ע ר ע כ ע לו־ק ע ד י י ע ס איז פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דעם קאַמף קעגן די רעכטע אין דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי, מיט דער פראַגע וועגן צעקלאַפּן בראַנדלערס און טאַלהיימערס פראַקציע און וועגן אויסשליסן די לידערס פון דעראָזיקער פראַקציע פון דער דייט־שישער קאָמפּאַרטיי. די „פּאָזיציע“ פונעם כ׳ בוכאַרין און זיינע

פּריינט אין דערדאָזיקער קאַרדינאַלער פראַגע איז באַשטאַנען דעריין, וואָס זיי האָבן די גאַנצע צייט זיך אַרויסגעדרייט פון באַטייליקן זיך אין לייזן דידאָזיקע פראַגע. אין טאָך גענומען איז געגאַנגען וועגן לייזן די פראַגע וועגן דעם גורל פון דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי. און כ׳ בוכאַרין מיט זיינע פריינט, וואָס האָבן וועגן דעם געוווּסט, האָבן דאָך די גאַנצע צייט טאָרמאָזירט דעם איניען און די גאַנצע צייט זיך אַרויסגעדרייט פון באַטייליקן זיך אין די זיצונגען פון די אַנטשפּרעכנדיקע אינסטאַנצן. צוליב וואָס? צוליב דעם, מיסטאַמע, קעדיי צו פאַרבלייבן „ריינינקע" אי פאַרן קאָמינטערן, אי פאַר די רעכטע אין דער דייטשישער קאָמפּאַרטיי. צוליב דעם, קעדיי נאָכדעם צו קאָנען זאָגן: „דאָס האָבן ניט מיר, בוכאַרינצעס, נאָר זיי, די מערהייט צ״ק, דורכגעפירט דאָס אויסשליסן בראַנדלערן און טאַלהיימערן פון דער קאָמפּאַרטיי". און דאָס רופט זיך אָן קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג!

**ענדלעך, דער פערטער עטאַפּ פון אונדזערע כעלוקעדייעס.** ער איז פאַרבונדן מיט כ׳ בוכאַרינס פאָדערונג פאַרן נאָיאַבער=פּלענום פונעם צ״ק אָפּצורופן דעם כ׳ ניימאַן פון דייטשלאַנד און רופן צו אָרדענונג דעם כ׳ טעלמאַן, וואָס האָט אין איינער פון זיינע רעדעס קלוימערשט קריטיקירט כ׳ בוכאַרינס פאָרטראָג אויפן VI קאָנגרעס. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט מאַסקים זיין מיטן כ׳ בוכאַרין, ניט האָבנדיק אין די הענט קיין שום דאָקומענטן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן כ׳ בוכאַרינס פאָדערונג. כ׳ בוכאַרין האָט צוגעזאָגט צוצושטעלן דאָקומענטן קעגן ניימאַנען און טעלמאַנען. אָבער קיין שום דאָקומענטן האָט ער ניט צוגעשטעלט. אָנשטאָט דאָקומענטן, האָט ער פאַנאַנדערגעשיקט די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע פון אַלק״פּ די באַוווּסטע רעדע פון כ׳ עמבער=דראָ אין פּאָליט=סעקרעטאַריאַט פונעם קאָמינטערן=אויספירקאָם, די זעלבע רעדע, וואָס דער פּרעזידיום פונעם קאָמינטערן=אויספירקאָם האָט זי נאָכדעם קוואַליפיצירט ווי אַן אָפּאָרטוניסטישע רעדע. מיטן פאַנאַנדערשיקן די רעדע פון עמבער=דראָ צו די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע פון אַלק״פּ און מיטן רעקאָמענדירן זי ווי אַ

מאַטעריאַל קעגן טעלמאַנען האָט כ' בוכאַרין געוואָלט דערוויזן די ריכטיקייט פון זיין פאָדערונג אָפּצורופן דעם כ' ניימאַן און רופן צו אָרדענונג דעם כ' טעלמאַן. אין דערווירקלעכקייט אָבער האָט ער דערמיט באַוויזן, אַז ער איז סאָלידאַר מיטן כ' עמבער=דראָ, וואָס זיין פּאָזיציע האַלט דער קאָמינטערן=אויספירקאָם פאַר אַן אָפּאָר=טוניסטישער אָפּאָזיציע.

אָט, דאָס, כאַווײרים, זיינען די הויפּט=פּונקטן פון אונדזערע כעלוקעדייעס איבער די פראַגן פונעם קאָמינטערן.

כ' בוכאַרין מיינט, אַז מיט דעם, וואָס מיר פירן אַ קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג און דער טאָלעראַנטער באַציִונג צו אים אין די סעקציעס פונעם קאָמינטערן, וואָס מיר רייניקן אָפּ די דייטשישע און טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמפּאַרטייען פון די סאָ=ציאַל=דעמאָקראַטישע עלעמענטן און טראַדיציעס, וואָס מיר וואַרפן אַרויס פון די קאָמפּאַרטייען די בראַנדלערס און טאַלהיימערס, „דעזאָרגאַניזירן“ מיר דערמיט גופע דעם קאָמינטערן, „ברענגען מיר אום“ דעם קאָמינטערן. מיר אָבער מיינען, פאַרקערט, אַז דערמיט, וואָס מיר פירן אַזאַ פּאָליטיק און פאַרשאַרפן די פראַגע אַפן קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג און דער טאָלעראַנטער באַ=ציִונג צו אים, פאַרשטאַרקן מיר דעם קאָמינטערן, רייניקן מיר אים אָפּ פון די אָפּאָרטוניסטן, באָלשעוויִזירן מיר זיינע סעקציעס און העלפן די קאָמפּאַרטייען צוצוגרייטן דעם אַרבעטער=קלאַס צו די אָנקומענדיקע רעוואָליוציאָנערע געראַנגלען.

איר זעט, אַז דאָס זיינען ניט קיין איינפאַכע גיואַנסן אין די רייען פון צ״ק אַלק״פּ, נאָר גאַנץ ערנסטע כעלוקעדייעס איבער די ראַדיקאַלע פראַגן פון דער פּאָליטיק פונעם קאָמינטערן.

## 3. די כעלוקעדייעס לויט דער ליניע פון דער אינער=לעכער פּאָליטיק

איך האָב פריער גערעדט וועגן דעם קלאַסן=איבערוק און וועגן דעם קלאַסנקאַמף באַ אונדז אין לאַנד. איך האָב געזאָגט, אַז

כ׳ בוכאַרינס גרופּע איז אָנגעשטעקט מיט בלינדקייט און זעט ניט דעמדאָזיקן איבערוק, פאַרשטייט ניט די נייע פּאַרטיי=אופגאַבן. איך האָב געזאָגט, אַז אַפן דאָזיקן באָדן זיינען באַ דער נייער אָפּאָזיציע אנטשטאַנען אָפּהענטיקייט, מוירע פאַר די שוועריקייטן, גרייטקייט אָפּצוטרעטן פאַר זיי. מע קאָן ניט זאָגן, אַז דידאָזיקע טאָעסן פון דער נייער אָפּאָזיציע זיינען פון הימל אַראָפּגעפאַלן, פאַרקערט, זיי זיינען פאַרבונדן מיטן אַנטוויקלונגס=פעריאָד, וואָס איז שוין אַוועק און וואָס רופט זיך אָן פעריאָד פון פאָלקס=ווירטשאַפטלעכער אופשטעלונג, ווען די בויונג איז געגאַנגען אף אַ פרידלעכן אויפן, אַזוי צו זאָגן פון זיך אַליין, ווען עס איז נאָך ניט געווען דער קלאַסן=איבערוק, וואָס איז איצט פאַראַן, ווען עס איז נאָך ניט געווען די פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף, וואָס מיר באַאָבאַכטן אַצינד. אָבער איצט איז באַ אונדז אַן אַנדער אַנטוויקלונגס=פעריאָד, וואָס אונטערשיידט זיך פונעם אַלטן פעריאָד, פונעם אופשטעלונגס=פעריאָד. איצט איז באַ אונדז אַ נייער פעריאָד פון בויונג, אַ פעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע פון דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט אף דער באַזע פונעם סאָציאַליזם. דערדאָזיקער נייער פעריאָד רופט אַרויס אַ נייעם קלאַסן=איבערוק, אַ פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף. ער פאָדערט נייע קאַמף=מעטאָדן, אַן איבערגרופּירונג פון אונדזערע קרעפטן, אַ פאַרבעסערונג און פאַרשטאַרקונג פון אַלע אונדזערע אָרגאַניזאַציעס. דער אומגליק פון כ׳ בוכאַרינס גרופּע באַשטייט טאַקע דערין, וואָס זי לעבט אין דער פאַרגאַנגענהייט, זי זעט ניט די כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכקייטן פון דעמדאָזיקן נייעם פעריאָד און פאַרשטייט ניט די נויטיקייט פון נייע קאַמף=מעטאָדן. פון דאַנען נעמט זיך איר בלינדקייט, אָפּהענטיקייט, פּאַניק פאַר די שוועריקייטן.

## א) וועגן קלאסנקאמף

אין וואָס באַשטייט דער טעאָרעטישער באַזיס פון דערדאָזיקער בלינדקייט און פון דערדאָזיקער אָפּהענטיקייט באַ כ׳ בוכאַרינס גרופּע?

איך מיין אַז דער טעאָרעטישער באַזיס פון דערדאָזיקער בלינדקייט און אָפּהענטיקייט איז כ׳ בוכאַרינס ניט=ריכטיקער, ניט=מאַרקסיסטישער צוגאַנג צו דער פראַגע וועגן קלאַסנקאַמף באַ אונדז אין לאַנד. איך האָב אין זינען כ׳ בוכאַרינס ניט=מאַרקסיסטישע טעאָריע וועגן דעם אַריינוואַקסן פונעם באַלעגופנטום אינעם סאָציאַליזם, דאָס ניט=פאַרשטיין די מעכאַניק פונעם קלאַסנקאַמף אין די באַדינגונגען פון דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט.

דאָ האָט מען איייניקע מאָל ציטירט דעם באַקאַנטן שטעל פון כ׳ בוכאַרינס ביכל „דער וועג צום סאָציאַליזם“ וועגן דעם אַריינוואַקסן פונעם באַלעגופנטום אינעם סאָציאַליזם. אָבער דאָ האָט מען אים ציטירט מיט איייניקע דורכלאָזן. דערלויבט ציטירן אים אינגאַנצן. דאָס איז נויטיק, כאַווײרים צוליב דעם, קעדיי צו דעמאָנסטרירן די גאַנצע טיפקייט פון כ׳ בוכאַרינס אַוועקגיין פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע וועגן קלאַסנקאַמף. הערט:

„די גרונט-נעץ פון אונדזערע קאָאָפּעראַטיווע פּויערשע אָרגאַניזאַציעס וועט באַשטיין פון קאָאָפּעראַטיווע קעמערלעך ניט פון באַלעגופים, נאָר פון „האָרעפּאַשנעס“ טיפּ, פון קעמערלעך, וואָס וואַקסן אַריין אין דער סיסטעם פון אונדזערע אַלמעלוכישע אָרגאַנען און וואָס ווערן אַזוי אַרום ריבגען פון דער איינהייטלעכער קייט פון דער סאָציאַליסטישערווירטשאַפט. די באַלעגופישע קאָאָפּעראַטיווע נעסטן, ווידער, וועלן דורך די בענק א. אַז. וו. אויך אַרייַנוואַקסן אין דערזעלבער סיסטעם; אָבער זיי וועלן זיין ביז א געוויסער מאָס א פרעמדאַרטיקער קערפּער, ווי לעמאָשל די קאָנצעסיע-אונטערנעמונגען“ *. (נ. בוכארין. „דער וועג צום סאָציאַליזם און דער ארבעטער-פּויערשער בונד“, זייט 49).

ציטירנדיק דעמדאָזיקן שטעל פון כ׳ בוכאַרינס בראָשור, האָבן איייניקע כאַווײרים צוליב עפּעס דורכגעלאָזט די לעצטע פראַזע וועגן קאָנצעסיעס. וועלנדיק אַפּאָנים העלפן דעם כ׳ בוכאַרין, האָט זיך כ׳ ראָזיט אויסגענוצט דערמיט און דאָ געשריען פון אָרט, אַז מע פאַרקריפּלט בוכאַרינען. אָבער גראָד דער שפּיץ ליגט אין

---

* אונטערגעשטראָכן פון מיר. י. סט.

דער לעצטער פראַזע וועגן קאָנצעסיאָנערן. ווייל אויב די קאָנצעסיאָנערן ווערן געשטעלט אין איין ריי מיט די באַלעגופים, און די באַלעגופים וואַקסן אַריין אינעם סאָציאַליזם, איז וואָס באַקומט זיך דערפון? דערפון באַקומט זיך בלויז איין זאַך, דעהיינו, אַז די קאָנצעסיאָנערן וואַקסן אויך אַריין אינעם סאָציאַליזם, אַז ניט בלויז די באַלעגופים, נאָר אויך די קאָנצעסיאָנערן וואַקסן אַריין אינעם סאָציאַליזם (אַלגעמיינער געלעכטער).

אָט וואָס עס באַקומט זיך פון דעם, כ' ראָזיט.

ראָזיט. — באַם כ' בוכאַרין ווערט געזאָגט — „אַ פרעמדאַרטיקער קערפּער".

סטאַלין. — באַ בוכאַרינען ווערט געזאָגט, כ' ראָזיט, ניט „פרעמדאַרטיקער קערפּער", נאָר „ביז אַ געוויסער מאָס אַ פרעמדאַרטיקער קערפּער". הייסט עס, אַז די באַלעגופים און קאָנצעסיאָנערן זיינען „ביז אַ געוויסער מאָס" אַ פרעמדאַרטיקער קערפּער אין דער סיסטעם פונעם סאָציאַליזם. אָבער דערין טאַקע איז כ' בוכאַרינס טאָעס, וואָס די באַלעגופים און קאָנצעסיאָנערן וואָס זיינען „ביז אַ געוויסער מאָס" אַ פרעמדאַרטיקער קערפּער וואַקסן דאָך אַריין אינעם סאָציאַליזם. אָט ביז וואָס פאַראַ נאָנסענס כ' בוכאַרינס טעאָריע דערפירט. די קאַפּיטאַליסטן אין שטאָט און דאָרף, די באַלעגופים און קאָנצעסיאָנערן, וואָס וואַקסן אַריין אינעם סאָציאַליזם, — אָט צו וואָס פאַר אַ נאַרישקייט כ' בוכאַרין האָט זיך דערעדט. ניין, כאַוויירים, מיר דאַרפן ניט אַזאַ „סאָציאַליזם". זאָל אים זיך נעמען כ' בוכאַרין.

ביז איצט האָבן מיר, מאַרקסיסטן־לענינצעס, געמיינט, אַז צווישן די קאַפּיטאַליסטן אין שטאָט און דאָרף, פון איין זייט און צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס, פון דער אַנדער זייט, עקזיסטירט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע קעגנזעצלעכקייט פון די אינטערעסן. דערויף טאַקע באַזירט זיך די מאַרקסיסטישע טעאָריע פונעם קלאַסנקאַמף. און אַצינד לויט בוכאַרינס טעאָריע וועגן דעם פרידלעכן אַריינוואַקסן פון די קאַפּיטאַליסטן אינעם סאָציאַליזם, ווערט דאָס אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, די אומקאָמפּראָמיסלעכע

קענגזעצלעכקייט פון די קלאסן־אינטערעסן פון די עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע ווערט פאַרשווונדן, די עקספּלואַטאַטאָרן וואַקסן אַריין אינעם סאָציאַליזם.

ראָזיט. — דאָס איז ניט ריכטיק, דאָס מיינט מען די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

סטאַלין. — אָבער די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז די שאַרפסטע פאָרם פונעם קלאַסנקאַמף.

ראָזיט. — אָט דערין טאַקע גייט עס.

סטאַלין. — בא בוכאַרינען אָבער קומט אויס, אַז אין אָט דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט וואַקסן אַריין די קאַפּיטאַליסטן. ווי אַזוי פאַרשטייט איר דאָס ניט, כ' ראָזיט? קעגן וועמען דען דאַרף מען פירן דעם קאַמף, קעגן וועמען דאַרף מען פירן די שאַרפסטע פאָרם פון קלאַסנקאַמף, אויב די קאַפּיטאַליסטן פון שטאָט און דאָרף וואַקסן אַריין אין דער סיסטעם פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט? די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט איז נויטיק, קעדיי צו פירן אַן אומבעשאָלעמדיקן קאַמף קעגן די קאַפּי־טאַליסטישע עלעמענטן, קעדיי צו אונטערדריקן די בורזשואַזיע און אַרויסצורייסן דעם קאַפּיטאַליזם מיט די וואָרצלען. אָבער אויב די קאַפּיטאַליסטן פון שטאָט און דאָרף, אויב דער באַלעגוף און דער קאָנצעסיאָנער וואַקסן אַריין אינעם סאָציאַליזם, צי איז ביכלאַל נאָך דעם נויטיק די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, און אויב זי איז נויטיק, איז אַף וואָסער קלאַס צו אונטערדריקן?

ראָזיט. — אָט דאָס איז טאַקע די מאיסע, וואָס די אַריינ־וואַקסונג באַם כ' בוכאַרין מיינט קלאַסנקאַמף.

סטאַלין. — איך זע, אַז כ' ראָזיט האָט זיך געשוואָרן צו טאָן אַ טויווע דעם כ' בוכאַרין. אָבער די טויווע באַקומט זיך בא אים אַ בערישע, ווייל וועלנדיק ראַטעווען בוכאַרינען, דערטרינקט ער אים אינדערעמעסן ביזן גרונט. ניט אומזיסט זאָגט מען אַז אַ „גוטער בער איז געפערלעכער פון אַ סוינע" (אַלגעמיינער גע־לעכטער).

איינס פון די צוויי: אָדער צווישן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז געקומען צו דער מאַכט און האָט אָרגאַניזירט זיין דיקטאַטור, איז פאַראַן אַן אומבעשאָלעמדיקע קעגנזעצלעכקייט פון די אינטערעסן, אָדער דידאָזיקע קעגנזעצלעכקייט פון די אינטערעסן איז ניטאָ, און דעמאָלט בלייבט איין זאַך — צו דערקלערן האַרמאָניע פון די קלאַסן־אינטערעסן.

אָ ד ע ר מאַרקס טעאָריע פונעם קלאַסנקאַמף, אָ ד ע ר די טעאָריע וועגן דער אַריינוואַקסונג פון די קאַפּיטאַליסטן אינעם סאָציאַליזם. אָ ד ע ר די אומבעשאָלעמדיקע קעגנזעצלעכקייט פון די קלאַסן־אינטערעסן, אָ ד ע ר די טעאָריע וועגן האַרמאָניע פון די קלאַסן־אינטערעסן. איינס פון די צוויי.

מע קאָן נאָך פאַרשטיין די „סאָציאַליסטן" פונעם טיפּ ברענטאַנאָ אָדער סידניי וועב, וואָס פּריידיקן דאָס איינוואַקסן פונעם סאָציאַליזם אינעם קאַפּיטאַליזם און פונעם קאַפּיטאַליזם אינעם סאָציאַליזם, ווייל דידאָזיקע „סאָציאַליסטן" זיינען אין דער ווירקלעכקייט אַנטיסאָציאַליסטן, בורזשואַזע ליבעראַלן. אָבער מע קאָן ניט פאַרשטיין אַ מענטשן, וואָס וויל זיין אַ מאַרקסיסט און וואָס פּריידיקט גלייכצייטיק די טעאָריע וועגן דעם אַריינוואַקסן פון די קאַפּיטאַליסטן אינעם סאָציאַליזם.

כ' בוכאַרין האָט אין זיין רעדע זיך געפּרווט פאַרשטאַרקן די טעאָריע וועגן דעם אַריינוואַקסן פון די באַלעבאָטים אינעם סאָציאַליזם, פאַרופנדיק זיך אַף אַ געוויסער ציטאַטע פון לענינען. דערביי באַהויפּט ער, אַז לענין זאָגט ד אָ ס ז ע ל ב ע, וואָס בוכאַרין. דאָס איז ניט ריכטיק, כאַווירים, דאָס איז אַ גראָבע און ניטדערלאָזבאַרע רעכילעס אַף לענינען. אָט איז דער טעקסט פון דער ציטאַטע פון לענינען:

„פאַרשטייט זיך, אַז בא אונז אין דער ראַטן־רעפּובליק איז די סאָציאַלע אָרדענונג געגרינדעט אַף דער מיטאַרבעט פון צוויי קלאַסן: פ ו ן די אַרבעטער און פּויערים, וואָס צו איר האָט מען אַצינד דערלאָזט אַף געוויסע באַדינגונגען אויך די „נעפּלייט", ד. ה. די בורזשואַזיע" („ווי אַזוי זאָלן מיר רעאָרגאַניזירן די אַרבעטער־פּויערשע אינספּעקציע". באַנד XVIII, טייל 2, זייט 124, רוסישע אויסגאַבע).

איר זעט, אַז דאָ איז ניטאָ קיין איין וואָרט וועגן דעם אַריינוואַקסן פון די קאַפּיטאַליסטן אינעם סאָציאַליזם. דאָ רעדט זיך בלויז וועגן דעם, אַז מיר האָבן „דערלאָזט“ צו דער מיטאַרבעט פון די אַרבעטער און פּויערים „אַף געוויסע באַדינגונגען“ אויך די נעפּליט, ד. ה. די בורזשואַזיע. וואָס הייסט דאָס? צי הייסט דאָס, אַז מיר האָבן דערמיט גופא דערלאָזט די מעגלעכקייט, אַז די נעפּליט זאָלן אַריינוואַקסן אינעם סאָציאַליזם? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס הייסט ניט. אַזוי קאָנען אויסטייטשן אַ ציטאַטע פון לענינען בלויז די מענטשן, וואָס האָבן זיך אופגעהערט צו שעמען. דאָס מיינט בלויז, אַז אַ צ י נ ד פאַרניכטן מיר ניט די בורזשואַזיע, אַז אַ צ י נ ד קאָנפיסקירן מיר זי ניט, נאָר מיר דערלאָזן איר עקזיסטענץ אַף געוויסע באַדינגונגען, ד. ה. באַם אַבסאָליוטן אונטערוואַרפן זיך די געזעצן פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. באַם שטייגנדיקן באַגרענעצן די קאַפּיטאַליסטן, וואָס דער ציל פון דעם איז ביסלעכווייז ארויסשטופן זיי פונעם פאָלקסווירטשאַפטלעכן לעבן. צי קאָן מען דורכפירן אין לעבן דאָס אַרויסשטופן די קאַפּיטאַליסטן און דאָס פאַרניכטן די וואָרצלען פונעם קאַפּיטאַליזם אָן אַ פאַרביטערטן קלאַסנקאַמף? ניין, מע קאָן ניט. צי קאָן מען פאַרניכטן די קלאַסן באַ דער טעאָריע און פּראַקטיק, אַז די קאַפּיטאַליסטן וואַקסן אַריין אינעם סאָציאַליזם? ניין, מע קאָן ניט. אַזאַ טעאָריע און פּראַקטיק קאָן בלויז קולטיווירן און פאַרייביקן די קלאַסן, ווייל זי, די דאָזיקע טעאָריע, ווידערשפּרעכט דער טעאָריע פון קלאַסנקאַמף. און די ציטאַטע פון לענינען באַזירט זיך פולשטענדיק אַף דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון קלאַסנקאַמף אין די באַדינגונגען פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. וואָס פאַראַ שייכעס קאָן זיין צווישן בוכאַרינס טעאָריע וועגן דעם באַלעגופס אַריינוואַקסן אינעם סאָציאַליזם און לענינס טעאָריע וועגן דער דיקטאַטור אַלס פאַרביטערטן קלאַסנקאַמף? קלאָר, אַז דאָ איז ניטאָ און קאָן ניט זיין קיין שום שייכעס. כ' בוכאַרין מיינט, אַז באַ דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט דאַרף דער קלאַסנקאַמף פ אַ ר ל אָ ש ן און ל י ק וו י ד י ר ט ווערן, קעדיי עס זאָל זיך באַקומען די פאַרניכטונג

פון די קלאַסן. לענין אָבער לערנט, פאַרקערט, אַז די קלאַסן קאָנען פאַרניכטעט ווערן בלויז דורך אַקשאָנעסדיקן קלאַסנקאַמף, וואָס אין די באַדינגונגען פון דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט ווערט ער אַ נאָך מער פאַרביטערטער, איידער ביז דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט.

„די פארניכטונג פון די קלאסן, — זאָגט לענין,—איז א זאך פון לאנגן שווערן, אקשאָנעסדיקן קלאסנקאמף, וואָס נאָכן אראָפּוואַרפן די מאכט פון קאפּיטאל, נאָכן צעשטערן די בורזשואזע מעלוכע, נאָכן איינשטעלן די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט פארשווינדט ער ניט, (ווי דאָס שטעלן זיך פאָר די ווולגארע לייט פונעם אלטן סאָציאליזם און פ'ן דער אלטער סאָציאל-דעמאָקראטיע), נאָר ער בייט זיינע פאָרמען און ווערט אין פיל פראָטים א נאָך מער פארביטערטער". (לענין, באנד XVI, זייט 227 — „א גרוס די אונגאַר'שע ארבעטער").

אָט וואָס לענין זאָגט וועגן דער פאַרניכטונג פון די קלאַסן.

די פאַרניכטונג פון די קלאַסן דורכן פאַרביטערטן קלאַסנקאַמף פונעם פראָלעטאַריאַט, — אָט דאָס איז לענינס פאָרמול.

די פאַרניכטונג פון די קלאַסן דורך דער פאַרלעשונג פונעם קלאַסנקאַמף און דעם אַריינוואַקסן פון די קאַפּיטאַליסטן אינעם סאָציאַליזם, — אָט דאָס איז כ' בוכאַרינס פאָרמול.

וואָס פאַר אַ שייכעס קאָן זיין צווישן דיזאָזיקע צוויי פאָרמולעס? קלאָר, אַז צווישן זיי איז ניטאָ און קאָן ניט זיין קיין שום שייכעס.

בוכאַרינס טעאָריע וועגן דעם אַריינוואַקסן פון די באַלעגופים אינעם סאָציאַליזם איז אַזוי אַרום אַן אָוועקגייען פון דער מאַרקסיס-טיש-לענינשער טעאָריע פון קלאַסנקאַמף. זי איז אַ דערנענטערונג צו דער טעאָריע פונעם קאַטעדער-סאָציאַליזם.

דערין באַשטייט דער גרונט פון אַלע טאָעסן פון כ' בוכאַרין און פון זיינע פריינט.

מע קאָן זאָגן, אַז עס לוינט ניט אַסאַך מאַרעד זיין וועגן בוכאַרינס טעאָריע וועגן דעם אַריינוואַקסן פון די באַלעגופים אינעם סאָציאַליזם, ווייל זי אַליין רעדט, און ניט בלויז זי רעדט, נאָר זי

שרייט קעגן דעם כ' בוכאַרין. דאָס איז ריכטיק, כאַווײרים. קאָל־זמאַן דידאָזיקע טעאָריע איז געווען פאַרבאַהאַלטן, האָט מען געקאָנט ניט ווענדן אַף איר קיין אופמערקזאַמקייט. מאַלע־וואָס פאַראַ נאַריש־קייטן עס זיינען פאַראַן אין די שרייבעכצן פון פאַרשײדענע כאַווײ־רים. אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן ביז דער לעצטער צייט. נאָר לעצ־טנס האָט זיך די סיטואַציע אַביסל געענדערט. די קלײנבירגערלעכע סטיכיע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט די לעצטע יאָרן, האָט גענומען באַלעבן דידאָזיקע אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריע, צוגעבנדיק איר אַן אַקטועלן כאַראַקטער. איצט קאָן מען שוין ניט זאָגן, אַז זי ליגט פאַרבאַהאַלטן. אַצינד האָט זי, דידאָזיקע מאָדנע טעאָריע כ' בוכאַרינס, די פּרעטענזיע צו ווערן די פאָן פונעם רעכטן אָפּנויג אין אונדזער פּאַרטיי, די פאָן פונעם אָפּאָרטוניזם. דעריבער קאָנען מיר שוין ניט פאַרבײגײן דידאָזיקע טעאָריע, דעריבער זיינען מיר מעכויעוו צו צעקלאַפּן זי, ווי אַ ניטריכטיקע און שעדלעכע טעאָריע, כדיי צו פאַרלײכטערן אונדזערע פּאַרטיי־כאַווײרים דעם קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג.

### ב) וועגן דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף

כ' בוכאַרינס צווייטער טעות, וואָס דרינגט אַרויס פון זיין ערשטן טעות, באַשטייט אינעם ניט־ריכטיקן, ניט־מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער פראַגע וועגן דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף, וועגן דער פאַרשטאַרקונג פונעם ווידערשטאַנד מיצאַד די קאַפּיטאַ־ליסטישע עלעמענטן קעגן דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט. וועגן וואָס האַנדלט זיך? צי דען וועגן דעם, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן וואַקסן שנעלער, אײדער דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר פון אונדזער ווירטשאַפט, און אַז צוליב דעם פאַרשטאַרקן זיי זייער ווידערשטאַנד, אַרונטעררייסנדיק די סאָ־ציאַליסטישע בוּוּנג? ניין, ניט וועגן דעם, דערצו נאָך איז ניט ריכטיק, אַז די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן וואַקסן קלוימערשט שנעלער אײדער דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר. ווען דאָס וואָלט

געווען ריכטיק, וואָלט שוין די סאָציאַליסטישע בוייונג געהאַלטן באַם
אונטערגיין. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס דער סאָציאַליזם גרייפט
אָן דערפאָלגרייך אַף די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, דער סאָציאַליזם
וואַקסט שנעלער איידער די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, דאָס
ספּעציפישע געוויכט פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פאַלט
דעריבער און גראד דערפאַר, ווייל דאָס ספּעציפישע געוויכט פון
די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פאַלט, שפּירן די קאַפּיטאַליס=
טישע עלעמענטן די טויט=געפאַר און פאַרשטאַרקן זייער ווידער=
שטאַנד. און פאַרשטאַרקן זייער ווידערשטאַנד האָבן זיי נאָך
לעסאַטע אַ מעגלעכקייט ניט בלויז דערפאַר, ווייל דער וועלט=קאַ=
פּיטאַליזם שטיצט זיי אונטער, נאָר אויך דערפאַר, ווייל טראָץ
דעם, וואָס עס פאַלט זייער ספּעציפישע געוויכט, טראָץ דעם, וואָס
זייער לעפּיערעכדיקער וווּקס פאַלט לעגאַבע דעם וווּקס פונעם
סאָציאַליזם, קומט דאָך פאָר אַן אַבסאָליוטער וווּקס פון די קאַפּי=
טאַליסטישע עלעמענטן, און דאָס גיט זיי אַ געוויסע מעגלעכ=
קייט אָנצוזאַמלען קרעפטן, קעדיי אַרויסצווייזן אַ ווידערשטאַנד דעם
וווּקס פונעם סאָציאַליזם. אַף דערדאָזיקער באַזע אַנשטייט טאַקע
אַף דער געגעבענער אַנטוויקלונג=סטאַדיע
באַ די געגעבענע באַדינגונגען פון די קרעפטן=
פאַרהעלטענישן די פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף און די פאַר=
שטאַרקונג פונעם ווידערשטאַנד מיצאַד די קאַפּיטאַליסטישע עלע=
מענטן אין שטאָט און דאָרף. דער טאָעס פון כ׳ בוכאַרין און פון
זיינע פריינט באַשטייט דערין, וואָס זיי פאַרשטייען ניט דעמדאָזיקן
איינפאַכן און קלאָרן עמעס. זייער טאָעס באַשטייט אין דעם, וואָס
זיי גייען צו צום איניען ניט אַף אַ מאַרקסיסטישן אויפן, נאָר אַף
אַ באַלעבעסלדיקן, פּרווונדיק זיך דערבײַ דערקלערן די פאַרשאַר=
פונג פונעם קלאַסנקאַמף מיט קאָלערלײַ צופעליקע סיבעס, לאָמיר
זאָגן, מיט דער „ניט=טויגעוודיקייט“ פונעם ראַטן=אַפּאַראַט, מיט
דער „ניט=פאָרזיכטיקער“ פּאָליטיק פון די אָרטיקע כאַווײרים, מיטן
„פעלן“ פון בויגעוודיקייט, מיט „איבערבויגונגען“ און אַזוי ו.
און ד. גל.

אָט איז, לעמאָשל, אַ ציטאַטע פון כ' בוכאַרינס בראָשור „דער וועג צום סאָציאַליזם“, וואָס דעמאָנסטרירט דעם אַבסאָליוט ניט־מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער פראַגע וועגן דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף:

„אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרט ברעכט אויס דער קלאַסנקאַמף אין דאָרף אין זיינע פריערדיקע פאָרמען, דערביי ווערט די דאָזיקע פאַרשאַרפונג געוויינלעך אַרויסגערופן דורך די באַלעגופישע עלעמענטן. ווען, לעמאָשל, די באַלעגופים אָדער די מענטשן, וואָס ווערן ניסאַשער אף א פרעמדן כעשבן און וואָס קריכן דורך אין די אָרגאַנען פון דער ראַטנמאַכט, הויבן אָן צו שיסן אין די דאָרפקאָרן, איז דאָס אַן אויסדרוק פונעם קלאַסנקאַמף אין דער שאַרפסטער פאָרם. (דאָס איז ניט ריכטיק, ווייל די שאַרפסטע קאַמפס־פאָרם איז אַן אופשטאַנד. י. ס ט א ל י ן.) אָבער אַזוינע פאַלן פּאַסירן געוויינלעך דאָרט, ווו דער סאָוועטישער אָרטיקער אַפּאַראַט איז נאָך אַ שוואַכער. אַף וויפל דער דאָזיקער אַפּאַראַט ווערט פאַרבעסערט, אַף וויפל עס ווערן פאַרפעסטיקט אַלע אונטערשטע קעמערלעך פון דער ראַטנמאַכט, אַף וויפל עס ווערן פאַרבעסערט און פאַרשטאַרקט די אָרטיקע דאָרפישע פּאַרטייִשע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס, אַף אַזויפיל וועלן אַזוינע מינים דערשיינונגען ווערן, ווי דאָס איז פולקום קלאָר, אַלץ מער זעלטענער און וועלן סאָפּקאָלסאָף פאַרשווינדן ווערן אָן אַ שפור“* (בוכארין. „דער וועג צום סאָציאַליזם און דער אַרבעטער־פּויערשער בונד“, זייט 54).

עס קומט אויס, אַזוי אַרום, אַז די פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף דערקלערט זיך מיט סיבעס פון אַפּאַראַטן־כאַראַקטער, מיט דער טויגעוודיקייט אָדער ניט־טויגעוודיקייט, מיט דער שוואַכקייט אָדער מיט דער קראַפט פון אונדזערע אונטערשטע אָרגאַניזאַציעס. עס קומט אויס, לעמאָשל, אַז די שעדיקונג פון די שאַכטער בורזשואַזע אינטעליגענטן, וואָס איז אַ ווידערשטאַנדס־פאָרם מיצאַד די בורזשואַזע עלעמענטן קעגן דער ראַטנמאַכט און אַ פאָרם פון דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף, דערקלערט זיך ניט מיט דער פאַרהעלטעניש פון די קלאַסן־קרעפטן, ניט מיטן וווּקס פונעם סאָציאַליזם, נאָר מיט דער ניט־טויגעוודיקייט פון אונזער אַפּאַראַט.

---

* אונטערגעשטראָכן פון מיר. י. ס ט א ל י ן.

עס קומט אויס, אַז ביז עס האָט זיך אַנטפּלעקט די מאַסן=שעדיקונג פונם שאַכטער ראַיאָן איז דער אַפּאַראַט באַ אונז געווען אַ גוטער, אָבער נאָכדעם, אינעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך אַנטפּלעקט די מאַסן=שעדיקונג, האָט דער אַפּאַראַט עפּעס אָנגעהויבן צו טויגן אַף קאַפּאָרעס. עס קומט אויס, אַז ביז פאָריקן יאָר, ווען די ברויט=פאַרגרייטונגען זיינען געגאַנגען סטיכיש און קיין שום פאַרשאַרפונג פון קלאַסנקאַמף איז באַ אונדז ניט געווען, זיינען אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אַף די ערטער געווען גוטע אָדער אַפילע אידעאַלע, אָבער פון פאָריקן יאָר אָן, ווען דער ווידערשטאַנד פון די באַלעגופים האָט אָנגענומען באַזונדערס שאַרפע פאָרמען, זיינען אונדזערע אָרגאַניזאַציעס פלוצלונג געוואָרן שלעכטע און טויגן אַף קאַפּאָרעס. דאָס איז ניט קיין דערקלערונג, נאָר אַ כוועק איבער אַ דערקלערונג. דאָס איז ניט קיין וויסנשאַפט, נאָר זנאַכעריי.

מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ פאַרשאַרפונג?

מיט צוויי סיבעס.

ערשטנס, מיט אונדזער רוקן זיך פאָרויס, מיט אונדזער אָנגריף, מיטן וווקס פון די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפטס=פאָרמען אי אין דער אינדוסטריע, אי אין דער לאַנדווירטשאַפט, מיטן וווקס, וואָס ווערט באַגלייט פון דער אַנטשפּרעכנדיקער אַרויסשטויסונג פון די אַנטשפּרעכנדיקע אָטריאַדן קאַפּיטאַליסטן אין שטאָט און אין דאָרף. די מאַיסע דערפון איז, וואָס מיר לעבן לויט לענינס פאָרמול — „ווער וועמען“: אָדער מיר זיי, די קאַפּיטאַליסטן, וועלן אַוועקלייגן אַף ביידע לאָפּעטקעס און מיר וועלן זיי געבן, ווי לענין האָט זיך אויסגעדריקט, דעם לעצטן אַנטשיידענעם קאַמף, אָדער זיי וועלן אונדז אַוועקלייגן אַף ביידע לאָפּעטקעס.

צווייטנס, דערמיט, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן ווילן ניט אַוועקגיין פרייוויליק פון דער סצענע, זיי שטעלן זיך אַנטקעגן און וועלן זיך אַנטקעגנשטעלן דעם סאָציאַליזם, ווייל זיי זעען, אַז עס קומען אָן די לעצטע טעג פון זייער עקזיסטענץ. און ווידערשטעלן זיך קאָנען זיי נאָך לייסאַטע, ווייל, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס זייער ספּעציפישע געוויכט פאַלט, איז אָבער אַבסאָליוט וואַקסן זיי דאָך,

די קלײנבורזשואַזיע, די שטאָטישע און דאָרפֿישע טײלט אױס פֿון זיך, װי לענין האָט געזאָגט, יעדן טאָג, יעדע שאָ קאַפּיטאַליסטן און קאַפּיטאַליסטלעך און זײ, די דאָזיקע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, נעמען אָן אַלע מיטלען, כּדי צו פֿאַרטײדיקן זײער עקזיסטענץ.

עס זײַנען נאָך ניט געװען אין דער געשיכטע אַזױנע פֿאַלן, אַז די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן זאָלן פֿרײַװיליק אַװעקגײן פֿון דער סצענע. עס זײַנען נאָך ניט געװען אין דער געשיכטע אַזױנע פֿאַלן, אַז די אָפּשטאַרבנדיקע בורזשואַזיע זאָל ניט אױספּראָבירן אַלע רעשטלעך פֿון אירע קרעפֿטן, כּדי צו פֿאַרטײדיקן איר עקזיסטענץ. צי װעט בײַ אונדז דער אונטערשטער ראַטן-אַפּאַראַט זײַן גוט אָדער שלעכט, צי װעט אונדזער רוקן זיך פֿאָרױס, אונדזער אָנגריף פֿאַרקלענערן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און װעט זײ אַרױסשטופּן, אָבער זײ, די אָפּשטאַרבנדיקע קלאַסן, װעלן זיך אַנטקעגנשטעלן, ניט געקוקט אַף קײן זאַך.

אָט אין װאָס עס באַשטײט דער סאָציאַלער באַזיס פֿון דער פֿאַרשאַרפֿונג פֿון קלאַסנקאַמף.

דער טעאָם פֿון כ׳ בוכאַרין און פֿון זײַנע פֿרײַנט באַשטײט דערין, װאָס בײַ זײ איז דער װוּקס פֿונעם װידערשטאַנד מיצאַד די קאַפּיטאַליסטן אײנס און דאָס זעלבע, װי דער װוּקס פֿון זײער ספּעציפֿישן געװיכט. אָבער דאָס דאָזיקע אידענטיפֿיצירן האָט ניט אונטער זיך קײן שום באָדן. דאָס האָט ניט קײן באָדן דערפֿאַר, װײַל אױב זײ, די קאַפּיטאַליסטן, שטעלן זיך אַנטקעגן, מײנט עס קלאָל ניט, אַז זײ זײַנען געװאָרן שטאַרקער פֿאַר אונדז. די זאַך איז גראָד קאַפּױער. די אָפּלעבנדיקע קלאַסן שטעלן זיך אַנטקעגן ניט דערפֿאַר, װײַל זײ זײַנען געװאָרן שטאַרקער פֿאַר אונדז, נאָר דערפֿאַר, װײַל דער סאָציאַליזם װאַקסט שנעלער אײדער זײ און זײ װערן שװאַכער פֿאַר אונדז. און דאַפֿקע דערפֿאַר, װײַל זײ װערן שװאַכער, שפּירן זײ די לעצטע טעג פֿון זײער עקזיסטענץ און זײַנען געצװוּנגען אַנטקעגנצושטעלן זיך מיט אַלע קרעפֿטן, מיט אַלע מיטלען.

אָט אין וואָס עס באַשטייט די מעכאַניק פון דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסנקאַמף און פונעם ווידערשטאַנד מיצאַד די קאַפּיטאַ־ליסטן אינעם געגעבענעם היסטאָרישן מאָמענט.

אין וואָס דאַרף באַשטיין די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, נעמענ־דיק אין אַכט אַזאַ זאַכלאַגע?

זי דאַרף באַשטיין אין וועקן דעם אַרבעטער־קלאַס און די עק־ספּלואַטירטע מאַסן פון דאָרף, אין אופהויבן זייער שלאַכטפעיִקייט און אַנטוויקלען זייער מאָביליזאַציע־גרייטקייט צום קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין שטאָט און אין דאָרף, צום קאַמף קעגן די קלאַסן־סאָנים, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן. די מאַרקסיסטיש־לענינשע טעאָריע פון קלאַסנקאַמף איז טאַקע דערמיט, אַגעוו, גוט, וואָס זי פאַרלייכטערט די מאָביליזאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס קעגן די סאָנים פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט.

אין וואָס באַשטייט די שעדלעכקייט פון דער בוכאַרינשער טעאָ־ריע, אַז די קאַפּיטאַליסטן וואַקסן אַריין אין סאָציאַליזם, און פונעם בוכאַרינשן באַנעם פון דער פראַגע וועגן דער פאַרשאַפונג פונעם קלאַסנקאַמף?

דערין, וואָס זי פאַרשלעפערט דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס זי רייסט אַרונטער די מאָביליזאַציע־גרייטקייט פון די רעוואָליוציאָ־נערע קרעפטן אין אונדזער לאַנד, וואָס זי דעמאָביליזירט דעם אַר־בעטער־קלאַס און פאַרלייכטערט דעם אָנגריף פון די קאַפּיטאַליס־טישע עלעמענטן קעגן דער ראַטנמאַכט.

## ג) וועגן פּויערטום

כ' בוכאַרינס דריטער טאָעס האָט אַ שייכעס צו דער פראַגע וועגן פּויערטום. עס איז באַוווסט, אַז די פראַגע וועגן פּויערטום איז בא אונדז איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן אין אונדזער פּאָלי־טיק. דאָס פּויערטום אין אונדזערע באַדינגונגען באַשטייט פון פאַר־שיידענע סאָציאַלע גרופּירונגען, נעמלעך, פון דער אָרעמשאַפט, פון די מיטלפּויערים און פון די באַלעגופים. עס איז פאַרשטענד־לעך, אַז אונדזער שטעלונג צו די־אָזיקע גרופּירונגען קאָן ניט זיין

קיין גלייכע. דער אָרעמפּויער אַלס אָנשפּאַר פונעם אַרבעטערקלאַס, דער מיטל־פּויער אַלס פאַרבינדעטער און דער באַלעגוף אַלס קלאַסן־סוינע, — אָט דאָס איז אונזער באַציִונג צו דידאָזיקע סאָציאַלע גרופּירונגען. אָט דאָס אַלץ איז פאַרשטענדלעך און אַלגעמיין באַוווּסט. אָבער כ׳ בוכאַרין קוקט אַף דעמדאָזיקן איניען אַביסל אַנדערש. בא דער כאַראַקטעריסטיק פון פּויערטום פאַלט בא אים אַרויס דער פאַקט פון דער דיפערענציאַציע, עס פאַרשווינדט ערגעץ ווו דאָס, וואָס עס זיינען פאַראַן סאָציאַלע גרופּירונגען און עס בלייבט איבער בלויז איין גרויער פלעק, וואָס רופט זיך אָן דאָרף. בא אים איז אי דער באַלעגוף ניט קיין באַלעגוף, אי דער מיטל־פּויער ניט קיין מיטל־פּויער, נאָר עפּעס אַ דורכויסיקער דאַלעס אין דאָרף. ער האָט טאַקע אַזוי געזאָגט דאָ אין זיין רעדע: צי קאָן דען אונדזער באַלעגוף אָנגערופן ווערן באַלעגוף, דאָס איז דאָך אַ קאַפּצן, האָט ער געזאָגט, און אונדזער מיטל־פּויער, צי איז ער דען ענלעך אַף אַ מיטל־פּויער, האָט דאָ דערקלערט כ׳ בוכאַרין, דאָס איז דאָך אַ קאַפּצן, וואָס שטאַרבט פון הונגער. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ אָנשווינג אַפן פּויערטום איז, אין גרונט גענומען, אַ פעלערהאַפטע אָנשווינג, וואָס לאָזט זיך ניט פאָרן מיטן לעניניזם.

לענין האָט געזאָגט, אַז דאָס פּויערטום איז דער לעצטער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס. צי איז ריכטיק דידאָזיקע האַנאָכע? יאָ. ס׳איז אַבסאָליוט ריכטיק. פאַרוואָס ווערט דאָס פּויערטום קוואַליפיצירט אַלס דער לעצטער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס? ווייל פון די צוויי גרונט־קלאַסן, וואָס פון זיי באַשטייט אונדזער געזעלשאַפט, איז דאָס פּויערטום דער קלאַס, וואָס זיין ווירטשאַפט באַזירט זיך אַף פּריוואַט־אייגנטום און אַף דער קליינער סכוירעס־פּראָדוקציע. ווייל דאָס פּויערטום, קאָלזמאַן עס פאַרבלייבט אַ פּויערטום, וואָס פירט אַ קליין־סכוירעסדיקע פּראָדוקציע, טיילט אויס און מוז אויסטיילן פון זיך קאַפּיטאַליסטן, קעסיידער און אָנויפהערלעך. דאָס האָט פאַר אונדז אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג אין דער פראַגע וועגן אונדזער מאַרקסיסטישער באַציִונג צו דער

פּראָבלעם וועגן בונד פון אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום. דאָס הייסט, אַז אונדז איז נויטיק נישט יעטווידער בונד מיטן פּויערטום, נאָר בלויז אַזאַ בונד, וואָס באַזירט זיך אויפן קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פונעם פּויערטום. ווי איר זעט, איז לעניס טעזיס וועגן פּויערטום אַלס דעם לעצטן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, נישט נאָר וואָס ער ווידערשפּרעכט נישט דער אידייע פון בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום, נאָר פאַר־קערט, ער גיט דעמדאָזיקן בונד אַ גרונט, אַלס דעם בונד פון אַר־בעטער־קלאַס און פּויערטום, וואָס איז געצילט קעגן די קאַפּיטאַליס־טישע עלעמענטן פון אונדזער ווירטשאַפט. לעניס האָט אַרויסגע־שטעלט דעמדאָזיקן טעזיס, קעדיי צו באַווייזן, אַז דער בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום קאָן זיין אַ פעסטער בלויז אין אַזאַ פאַל, ווען ער באַזירט זיך אויפן קאַמף קעגן דיזעלבע קאַפּיטאַליס־טישע עלעמענטן, וועלכע דאָס פּויערטום טיילט פון זיך אויס.

כ׳ בוכאַרינס טאָעס באַשטייט דערין, וואָס ער פאַרשטייט נישט און נעמט נישט אָן דידאָזיקע איינפאַכע זאַך, ער פאַרגעסט וועגן די סאָציאַלע גרופּירונגען אין דאָרף, באַ אים ווערן פאַרשוווּנדן פון אויג די באַלעגופים און די אָרעמשאַפט און עס פאַרבלייבט בלויז איין דורכויסיקע מיטלפּויערשע מאַסע. דאָס איז כ׳ בוכאַרינס בע־ליסאָפּעקדיקער אָפּנויג אַף רעכטס אין קעגנזאַץ צום „לינקן“, טראָצקיסטישן אָפּנויג, וואָס זעט נישט אין דאָרף קיין אַנדערע סאָ־ציאַלע גרופּירונגען, כוץ דער אָרעמשאַפט און די באַלעגופים, און וואָס באַ אים ווערן פאַרשוווּנדן פון אויג די מיטלפּויערים.

אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד צווישן דעם טראָצקיזם און כ׳ בוכאַרינס גרופּע אין דער פראַגע וועגן בונד מיטן פּויערטום? דערין, וואָס דער טראָצקיזם זאָגט זיך אַרויס קעגן דער פּאָ־ליטיק פון אַ פעסטן בונד מיט די מיטלפּויערשע מאַסן, און בוכאַרינס גרופּע שטייט פאַר יעטווידער בונד מיטן פּויער־טום. עס איז נישטאָ וואָס צו דערווייזן, אַז דידאָזיקע ביידע ציל־אָנגעווענדטקייטן זיינען נישט קיין ריכטיקע און זיינען נישט בעסער איינע פון דער אַנדערער.

דער לעניניזם שטייט אַבסאָליוט פאַר אַ פעסטן בונד מיט די גרונט־מאַסן פויערטום, פאַר אַ בונד מיט די מיטל־פויערים, אָבער ניט פאַר יעטווידן בונד, נאָר פאַר אַזאַ בונד מיט די מיטל־פויערים, וואָס זאָל זיכערן די אָנפירנדיקע ראָליע פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל פאַרשטאַרקן די דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט און זאָל פאַרלייכטערן די פאַרניכטונג פון די קלאַסן.

„אונטער דער פארשטענדיקונג צווישן דעם ארבעטער-קלאס און דעם פויערטום, — זאָגט לענין, — קאָן מען פארשטיין וואָס מע וויל. אויב מע זאָל ניט האָבן אין זינען, אז א פארשטענדיקונג, פונעם שטאנדפונקט פון ארבעטער-קלאס, איז נאָר דעמאָלט דערלאָזבאר, ריכטיק און פרינציפיעל-מעגלעך, ווען זי שטיצט אונטער די דיקטאטור פונעם ארבעטער-קלאס און איז איינס פון די מאָסמיטלען, וואָס זיינען געצילט אף צו פארניכטן די קלאסן, פארבלייבט, פארשטייט זיך, די פאָרמול — פארשטענדיקונג פון ארבעטער-קלאס מיטן פויערטום, א פאָרמול, וואָס אלע סאָנים פון דער דיקטאטור פירן זי טאקע דורך אין זייערע אָנשויונגען" (געזאמלטע ווערק באנד 18, טייל 1, זייט 257).

און ווייטער:

„איצט, — זאָגט לענין, — האלט דער פראָלעטאריאט אין די הענט די מאכט און פירט מיט איר אָן. ער פירט אָן מיטן פויערטום. וואָס הייסט עס — אָנפירן מיטן פויערטום? דאָס הייסט ערשטנס, פירן א ליניע אף פארניכטן די קלאסן, אָבער ניט אפן קליינעם פראָדוצירער. אויב מיר וואָלטן פון דערדאָזיקער קארדינאלער און גרונט-ליניע זיך אראָפּגעשלאָגן, וואָלטן מיר אופגעהערט צו זיין סאָציאליסטן און וואָלטן אריינגעפאלן אין לאגער פון יענע קליינבירגער, אין לאגער פון די עסערן און מענשעוויקעס, וועלכע זיינען אצינד די פארביטערסטע סאָנים פונם פראָלעטאריאט" (געזאמלטע ווערק. באנד 18, טייל 1, זייט 270).

אָט דאָס איז לענינס שטאַנדפונקט איבער דער פראַגע וועגן בונד מיט די גרונט־מאַסן פויערטום, וועגן בונד מיט די מיטל־פויערים.

דער טאָעס פון כ׳ בוכאַרינס גרופּע איבער דער פראַגע וועגן דעם מיטל־פויער באַשטייט דערין, וואָס זי זעט ניט די צווייִקע נאַטור, די צווייִקע לאַגע פונעם מיטל־פויער צווישן דעם אַרבעטער־

קלאַס און צווישן די קאַפּיטאַליסטן. „דער מיטל=פּויער איז אַ וואַקל=דיקער קלאַס", — האָט געזאָגט לענין. פאַרוואָס? דערפאַר, ווייל דער מיטל=פּויער איז פון איין זייט אַ האָרעפּאַשניק, וואָס עס דער=נעענטערט אים מיטן אַרבעטער=קלאַס און פון דער צווייטער זייט— אַן אייגנטימער, וואָס עס דערנעענטערט אים מיטן באַלעגוף. פון דאַנען נעמען זיך די וואַקלונגען פונם מיטל=פּויער. און דאָס איז ריכטיק ניט בלויז טעאָרעטיש. דידאָזיקע וואַקלונגען ווייזן זיך אַרויס אויך אַף דער פּראַקטיק יעדן טאָג, יעדע שאָ.

„דער פּויער, — זאָגט לענין, — אלס האָרעפּאשניק, ציט צום סאָציא-ליזם און וויל בעסער די דיקטאטור פון די ארבעטער, איידער די דיקטאטור פון דער בורזשואזיע. דער פּויער אלס ברויט-פארקויפער ציט צו דער בור-זשואזיע, צום פרייען האנדל, ד. ה. אף צוריק צום „אנערקענטן", אלטן, „אייביקן" קאפּיטאליזם". (לענין. באנד 16, זייט 227).

דעריבער קאָן דער בונד מיטן פּויערטום זיין אַ פעסטער בלויז אין דעם פאַל, אויב ער איז געצילט קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלע=מענטן, קעגן דעם קאַפּיטאַליזם ביכלאַל, אויב ער זיכערט די אָנ=פירנדיקע ראָליע פונעם אַרבעטער=קלאַס אין דעמדאָזיקן בונד, אויב ער פאַרלייכטערט די פאַרניכטונג פון די קלאַסן.

עס איז מאָדנע, וואָס כ' בוכאַרינס גרופּע פאַרגעסט דידאָזיקע איינפאַכע און פאַרשטענדלעכע זאַכן.

## ד) ווענן דעם נעפּ און די מארק-פארהעלטענישן

כ' בוכאַרינס פערטער טעות האָט אַ שייכעס צו דער פראַגע ווענן נעפּ. כ' בוכאַרינס טעות באַשטייט דאָ דעריין, וואָס ער זעט ניט די צווייזייטיקייט פונם נעפּ, ער זעט בלויז איין זייט פונעם נעפּ. ווען מיר האָבן איינגעפירט דעם נעפּ אין יאָר 1921, האָבן מיר דעמאָלט געצילט זיין שאַרף קעגן דעם קריגס=קאָמוניזם, קעגן אַזאַ רעזשים און אַזוינע אָרדענונגען, וועלכע שליסן אויס וואָסערע ניט איז פרייהייט פון האַנדל. מיר האָבן געהאַלטן און האַלטן, אַז נעפּ מיינט אַ געוויסע פרייהייט פון האַנדל. דידאָזיקע זייט פונעם איניען האָט כ' בוכאַרין פאַרגעדענקט און דאָס איז זייער

גוט. אָבער כ׳ בוכאַרין האָט אַ טאָעס, ווען ער מיינט, אַז דידאָזיקע זייט פונעם איניען שעפט אויס דעם נעפּ. כ׳ בוכאַרין פאַרגעסט, אַז דער נעפּ האָט נאָך אַן אַנדער זייט. די מאַיסע דערפון איז, וואָס דער נעפּ מיינט קלאַל ניט פולע פרייהייט פון האַנדל, פרייע שפּיל פון פרייזן אַפן מאַרק. דער נעפּ איז פרייהייט פון האַנדל אין געוויסע גרענעצן, אין געוויסע ראַמען באַם באַוואָרענען די רעגולירנדיקע ראָליע פון דער מעלוכע און איר ראָליע אַפן מאַרק. בעפּיירעש דערין באַשטייט טאַקע די צווייטע זייט פונעם נעפּ. דערבײַ איז דידאָזיקע זייט פונעם נעפּ ניט ווייניקער, אויב ניט מער וויכטיק, איידער זיין ערשטע זייט. באַ אונדז איז ניטאָ אַפן מאַרק קיין פרייע שפּיל פון די פרייזן, ווי דאָס איז געוויינלעך אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. מיר באַשטימען די פרייזן אַף ברויט אין גרונט גענומען. מיר באַשטימען די פרייזן אַף די אינדוסטריעלע סכוירעס. מיר סטאַרען זיך דורכפירן די פּאָליטיק פון אַראָפּזעצן דעם קערנקאָסט און פון אַראָפּזעצן די פרייזן אַף די אינדוסטריעלע סכוירעס און שטרעבן איינצוהיטן די סטאַבילקייט פון די פרייזן אַף די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. איז דען ניט קלאָר, אַז אַזוינע ספּעציעלע און ספּעציפישע אָרדענונגען זיינען ניטאָ ביכלאַל אַפן מאַרק פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער?

דערפון איז געדרונגען, אַז קאָלזמאַן עס איז פאַראַן דער נעפּ דאַרפן איינגעהיט ווערן ביידע זייטן זיינע, אי די ערשטע זייט, וואָס איז געצילט קעגן דעם רעזשים פון קריגס־קאָמוניזם און וואָס האָט דעם צוועק צו זיכערן אַ געוויסע פרייהייט פון האַנדל, אי די צווייטע זייט, וואָס איז געצילט קעגן דער פולער פרייהייט פון האַנדל און וואָס האָט איר ציל צו זיכערן די רעגולירנדיקע ראָליע פון דער מעלוכע אַפן מאַרק. פאַרניכטעט איינע פון דידאָזיקע זייטן, — און באַ אייך ווערט ניט זיין קיין נעפּ.

כ׳ בוכאַרין מיינט, אַז דעם נעפּ קאָן דראָען אַ געפאַר בלויז פון „לינקס“, מיצאַד די מענטשן, וואָס ווילן ליקווידירן יעטווידער פרייהייט פון האַנדל. דאָס איז ניט ריכטיק, דאָס איז דער גראָב=

סטער טאָעס. דערצו איז אַזאַ געפאַר איצט ווייניקער פון אַלץ רעאַל, ווייל בײַ אונדז איז ניטאָ, אָדער קימאַט ניטאָ אַצינד אַזוינע מענטשן אין אונדזערע אָרטיקע און צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וואָלן ניט פאַרשטיין די גאַנצע נויטיקייט און צוועקמעסיקייט אײַנצוהיטן אַ געוויסע פרייהייט פון האַנדל. אַסאַך מער רעאַל איז די געפאַר פון רעכטס, די געפאַר מיצאַד די מענטשן, וואָס ווילן ליקווידירן די רעגולירנדיקע ראָליע פון דער מעלוכע אַפן מאַרק, וואָס ווילן „אַנטקנעכטן" דעם מאַרק און עפענען אַזוי אַרום די ערע פון פולשטענדיקן פרייען האַנדל. עס קאָן ניט זײַן קיין שום ספק, אַז דידאָזיקע געפאַר אַראָפּצורײַסן דעם נעפּ פון רעכטס איז אַצינד אַסאַך רעאַלער. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די קלײַנבירגערלעכע סטיכיע אַרבעט גראָד אין דעראָזיקער ריכטונג, אין דער ריכטונג אַראָפּצורײַסן דעם נעפּ פון רעכטס. מע דאַרף אויך געדענקען, אַז די יעלאָלעס פון די באַלעגופים און פון די פאַרמעגלעכע עלעמענטן, די יעלאָלעס פון די ספעקוליאַנטן און פון די אויפקויפער, וואָס האָבן ניט זעלטן אַ ווירקונג אַף אַסאַך אונדזערע כאַווייריב, באָמבאַרדירן דעם נעפּ גראָד פון דעראָזיקער זײַט. דער פאַקט, וואָס כ' בוכאַרין זעט ניט דידאָזיקע צווייטע ווירקלעך-רעאַלע געפאַר אַראָפּצורײַסן דעם נעפּ, — דעראָזיקער פאַקט ווײַזט בעליסאָפעק, אַז ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן דרוק פון דער קלײַנבירגערלעכער סטיכיע.

כ' בוכאַרין לייגט פאָר „נאָרמאַליזירן" דעם מאַרק און „מאַנעווירן" מיט די פאַרגרייט-פרײַזן אַף ברויט לויט די ראַיאָנען, ד. ה. העכערן די פרײַזן אַף ברויט. וואָס מיינט עס? דאָס מיינט, אַז איט באַפרידיקן ניט די סאָוועטישע מאַרק-באַדינגונגען. ער וויל פאַרטאָרמאָזירן די רעגולירנדיקע ראָליע פון דער מעלוכע אַפן מאַרק און לייגט פאָר צו גיין אַף האַנאָכעס דער קלײַנבירגערלעכער סטיכיע, וואָס רײַסט אַראָפּ דעם נעפּ פון רעכטס.

לאָמיר דערלאָזן אַף אַ רעגע, אַז מיר האָבן געפאָלגט כ' בוכאַרינס אײַצעס. וואָס וועט זיך דערפון באַקומען? מיר העכערן די פרײַזן אַף ברויט, לאָמיר זאָגן, אין האַרבסט, אין אָנהויב פונם

פאַרגרייט=פּעריאָד. אַזוי ווי אָבער שטענדיק זיינען פאַראַן אַפּן מאַרק מענטשן, פאַרשיידענע ספּעקוליאַנטן און אופקויפער, וואָס קאָנען באַצאָלן פאַרן ברויט דריי מאָל אַזויפיל, און אַזוי ווי מיר קאָנען ניט אָניאָגן די ספּעקוליאַנטן, ווייל זיי קויפן סאַכאַקל אַ וואָסער ניט איז צענדליק מיליאָן פּוד, און מיר דאַרפן קויפן הונדערטער מיליאָנען פּוד, וועלן די ברויט=באַזיצער אַלציינס פאַרהאַלטן דאָס ברויט און וועלן וואַרטן אַף דער ווייטערדיקער העכערונג פון די פּרייזן. הייסט עס, מיר דאַרפן ווידער אַמאָל העכערן דעם פּרייז אַף ברויט צו פרילינג צו, ווען עס הויבט זיך דעריקער אָן די גרונט=נויט פון דער מעלוכע אין ברויט. אָבער וואָס הייסט העכערן דעם פּרייז אַף ברויט אין פרילינג? דאָס הייסט אָפּקוילענען די אָרעמשאַפט און די ווייניק=פאַרמעגלעכע שיכטן אין דאָרף, וואָס זיינען אַליין געצוווּנגען צו=צוקויפן אין פרילינג ברויט, טיילווייז אַף זריע, טיילווייז צום עסן, דאָס זעלבע ברויט, וואָס זיי האָבן אין האַרבסט פאַרקויפט פאַר אַ ביליקערן פּרייז. צי וועלן מיר זיך קאָנען דערשלאָגן עפּעס ערנסטעס אַלס רעזולטאַט פון דידאָזיקע אָפּעראַציעס אין פּראַט פון באַקומען אַ גענוגנדיקן סכום ברויט? וואַרשיינלעכער פון אַלץ, אַז מיר וועלן ניט קאָנען, ווייל שטענדיק וועלן זיך געפינען ספּעקוליאַנטן און אופקויפער, וואָס וועלן זיין אימשטאַנד פון דאָסניי צו באַצאָלן פאַר דעמזעלבן ברויט צוויי מאָל און דריי מאָל אַזויפיל. הייסט עס, מיר דאַרפן זיין גרייט צו אַ נייער העכערונג פון די פּרייזן אַף ברויט, סטאַרענדיק זיך אומזיסט אַריבערצויאָגן די ספּעקוליאַנטן און די אופקויפער.

אָבער דערפון באַקומט זיך, אַז ווי באַלד מיר האָבן זיך געשטעלט אַפּן וועג פון העכערן די פּרייזן אַף ברויט, דאַרפן מיר אויך ווייטער זיך קייקלען אַראָפּ, ניט האָבנדיק קיין גאַראַנטיע צו באַקומען אַ גענוגנדיקן סכום ברויט.

אָבער די מאַיסע ענדיקט זיך ניט דערמיט. ערשטנס, אופהויבנדיק די פּאַרגרייט=פּרייזן אַף ברויט, וועלן מיר נאָכדעם דאַרפן אופהויבן די פּרייזן אויך אַף רוי־וואַרג, קעדיי איינצוהיטן אַ געוויסע פּראָפּאָרציע אין די פּרייזן אַף די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן.

צווייטנס, העכערנדיק די פאַרגרייט-פרייזן אַף ברויט, וועלן מיר ניט קאָנען איינהיטן דעם נידעריקן פרייז אַף ברויט אין די שטעט,— הייסט עס, מיר וועלן דאַרפן אופהויבן אויך די *פאַרקויף*-פרייזן פון ברויט. אָבער אַזוי ווי מיר קאָנען ניט און דאַרפן ניט באַוולען די אַרבעטער, דאַרפן מיר מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפ העכערן דעם אַרבעטסלוין, אָבער דאָס מוז ברענגען צום העכערן די פרייזן אויך אַף די אינדוסטריעלע סכוירעס, ווייל אין קעגנפאַל קאָן זיך באַקומען, אַז די מיטלען פון שטאָט וועלן אַריבערגעוואָרפן ווערן אין דאָרף, טראָץ די אינטערעסן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע. אַלס רעזולטאַט וועלן מיר דאַרפן אויסגלייכן די פרייזן אַף די אינדוסטריעלע סכוירעס און אַף די לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן ניט אַף דער באַזע פון די *פאַלנדיקע* אָדער לעכאָלאַפאָכעם סטאַביליזירטע פרייזן, נאָר אַף דער באַזע פון די *שטייגנדיקע* פרייזן סיי אַף ברויט, סיי אַף די אינדוסטריעלע סכוירעס. מיט אַנדערע ווערטער, מיר וועלן דאַרפן האַלטן אַ קורס אַף דער *פאַרטייערונג* פון די אינדוסטריעלע סכוירעס און פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ „מאַנעוורירונג" מיט די פרייזן מוז ברענגען צו דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון דער סאָוועטישער פרייזן-פאָליטיק, צו דער ליקווידאַציע פון דער רעגולירנדיקער ראָליע פון דער מעלוכע אַפן מאַרק און צו דער פולשטענדיקער צעקניפלונג פון דער קליינבירגערלעכער סטיכיע. וועמען וועט דאָס לוינען? בלויז די פאַרמעגלעכע שיכטן פון שטאָט און דאָרף, ווייל די טייערע אינדוסטריעלע סכוירעס און לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן מוזן ווערן ניט-צוטריטלעך סיי פאַרן אַרבעטער-קלאַס און סיי פאַר דער אָרעמשאַפט און פאַר די ווייניק-פאַרמעגלעכע שיכטן אין דאָרף. געווינען וועלן די באַלעגופים און פאַרמעגלעכע, די נעפלייט און אַנדערע פאַרמעגלעכע שיכטן.

דאָס וועט אויך זיין אַ צוזאַמענשלוס, אָבער אַן אייגנאַרטיקער צוזאַמענשלוס, אַ צוזאַמענשלוס מיט די פאַרמעגלעכע שיכטן אין דאָרף און אין שטאָט. די אַרבעטער און די ווייניק-פאַרמעגלעכע

שיכטן אין דאָרף וועלן האָבן דאָס פולע רעכט צו פרעגן אונדז:
וועמעס מאַכט זיינען מיר, אַן אַרבעטער=פויערשע אָדער אַ באַ=
לעגופיש=נעפמאַנישע?.

אַן איינרייס מיטן אַרבעטער=קלאַס און מיט די ווייניק=פאַרמעג=
לעכע שיכטן אין דאָרף, אַ צוזאַמענשלוס מיט די פאַרמעגלעכע
שיכטן אין דאָרף און אין שטאָט, — אָט צו וואָס עס דאַרפן ברענגען
די בוכאַרינשע „נאָרמאַליזירונג“ פונם מאַרק און די „מאַנעווריַ=
רונג“ מיט די פרייזן אַף ברויט לויט די ראַיאָנען.

ס'איז קלאָר, אַז די פאַרטיי קאָן זיך ניט שטעלן אַף דעמדאָזיקן
פאַטאַלן וועג.

ווי ווייט עס האָבן זיך פאַרפלאָנטערט באַם כ' בוכאַרין אַלע
באַגריפן וועגן דעם נעפ און ווי שטאַרק ער איז אַריינגעפאַלן אין
געפאַנגענשאַפט צו דער קליינבירגערלעכער סטיכיע, איז דאָס צו
זעען אַגעוו פון יענער מער ווי נעגאַטיווער באַציִונג, וואָס ער ווייזט
אַרויס צו דער פראַגע וועגן די נייע פאָרמעס סכוירעס=אומזאַץ
צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן דער מעלוכע און פויערטום. ער
איז אופגעבראַכט און גוואַלדעוועט קעגן דעם, וואָס די מעלוכע איז
געוואָרן דער סכוירעס=צושטעלער פאַרן פויערטום און דאָס פויער=
טום ווערט דער ברויט=צושטעלער פאַר דער מעלוכע. ער האַלט, אַז
דערמיט איז מען אויוועק אַף אַלע קלאָלים פון נעפ, אַז מע רייסט
שיר ניט אַראָפ דעם נעפ. פאַרוואָס, פרעגט זיך, אַף וואָס פאַר אַ
גרונט? וואָס פאַר אַ בייז קאָן זיין דערין, וואָס די מעלוכע, די מע=
לוכע=אינדוסטריע איז דער סכוירעס=צושטעלער פאַרן פויערטום,
און דאָס פויערטום איז דער ברויט=צושטעלער פאַר דער אינדוס=
טריע, פאַר דער מעלוכע? וואָס פאַר אַ בייז קאָן זיין פונעם שטאַנד=
פונקט פון מאַרקסיזם, פון דער מאַרקסיסטישער נעפ=פאָליטיק דע=
רין, וואָס דאָס פויערטום איז שוין פאַרוואַנדלט גע=
וואָרן אין אַ צושטעלער פון בוימוואָל, בורעקעס, לייַן, פאַר די
באַדערפענישן פון דער מעלוכע=אינדוסטריע, און די מעלוכע=אינ=
דוסטריע — אין אַ צושטעלער פון שטאָטישע סכוירעס, פון זריע
און פראָדוציר=געצייג פאַר דידאָזיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן?

דער קאָנטראַקטאַציע=מעטאָד איז דאָ דער גרונט=מעטאָד אין דער איינשטעלונג פון דידאָזיקע נייע פאָרמען פון סכוירעס=אומזאַץ צווישן שטאָט און דאָרף. אָבער צי ווידערשפּרעכט דען דער קאָנטראַקטאַציע=מעטאָד די פאָדערונגען פון נעפ? וואָס פאַר אַ בייז קאָן זיין דעריז, וואָס דאָס פּויערטום ווערט דער צושטעלער פון דער מעלוכע אויך לויט דער ברויט=ליניע, און ניט בלויז לויט דער ליניע פון בוימוואָל, בורעקעס, לייז, אַדאַנק דעמזעלבן קאָנטראַקטאַציע=מעטאָד? פאַרוואָס קאָן דאָס האַנדלען קליינע פאַרטיעסווייז, דער לאַכאָדים=האַנדל יאָ אָנגערופן ווערן סכוירע=אומזאַץ, און דאָס האַנדלען גרויסע פּאַרטיעסווייז לויט אַפריער צונויפגעשטעלטע אָפּמאַכן (קאָנטראַקטאַציע) וועגן די פּרייזן און וועגן דער קוואַליטעט פון דער סכוירע קאָן זיך ניט רעכענען פאַר קיין סכוירע=אומזאַץ? פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ גאָנסענס? איז דען שווער צו פאַרשטיין, אַז דידאָזיקע נייע מאַסאָווע פאָרמען פון סכוירע=אומזאַץ לויטן קאָנטראַקטאַציע=מעטאָד צווישן שטאָט און דאָרף זיינען אַנטשטאַנען דאַפקע אַף דער באַזע פון נעפּ, אַז זיי זיינען דער גרעסטער טריט פאָרויס מיצאַד אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אין פראַט פון פאַרשטאַרקן די פּלאַנישע סאָציאַליסטישע אָנפירונג מיט דער פאָלקס=ווירטשאַפט?

צי איז דען ניט מאָדנע, וואָס כ' בוכאַרין האָט זיך אָפּגעווינט צו פאַרשטיין דידאָזיקע פּאָשעטע פאַרשטענדלעכע זאַכן?

## ה) וועגן דעם אנטוויקלונג-טעמפּ פון דער אינדוסטריע און וועגן די נײַע צוזאמענשלוס-פאָרמען

ענדלעך, די פראַגע וועגן דעם אַנטוויקלונגס=טעמפּ פון דער אינדוסטריע און וועגן די נייע פאָרמען פון צוזאַמענשלוס צווישן שטאָט און דאָרף. דידאָזיקע פראַגע איז איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן אין אונדזערע כעלוקעדייעס. די וויכטיקייט פון דערדאָזיקער פראַגע באַשטייט דעריז, וואָס אין איר זיינען קאָנצענטרירט אַלע פעדעם פון אונזערע פּראַקטישע כעלוקעדייעס איבער די פראַגן פון דער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי.

וואָס זיינען דאָס אַזוינס די נייע צוזאַמענשלוס־פאָרמען, וואָס באַטייט דאָס פונעם שטאַנדפּונקט פון אונזער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק?

דאָס באַטייט, קוידעמקאָל, אַז כויץ די אַלטע פאָרמען פון צוזאַמענשלוס צווישן שטאָט און דאָרף, ווען די אינדוסטריע האָט באַפרידיקן די פּראָדוצירישע באַדערפענישן פון דער פּויער (ציץ, שוכוואַרג, ביכלאַל מאַנופאַקטור א. אַז. וו.), דאַרפן מיר נאָך נייע צוזאַמענשלוס־פאָרמען, ווען די אינדוסטריע וועט באַפרידיקן די פּראָדוצירישע באַדערפענישן פון דער פּויערשער ווירטשאַפט (לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעם, טראַקטאָרם, פאַרבעסערטע זריע־באַמיסטיקונג א. אַז. וו.), אויב מיר האָבן פריער באַפרידיקט דעריקער די פּערזענלעכע באַדערפענישן פונעם פּויער, ווייניק אָנרירנדיק די פּראָדוציר־באַדערפענישן פון זיין ווירטשאַפט, איז איצט ניט אופהערנדיק באַפרידיקן דעם פּויערס פּערזענלעכע באַדערפענישן, דאַרפן מיר אָנשטרענגען אַלע קרעפטן אַף צו באַזאָרגן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעם, מיט טראַקטאָרם, באַמיסטיקונג א. א. וו., וואָס האָבן אַ דירעקטע באַדייטונג צו דער רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע אַף אַ נייער טעכנישער באַזע. קאָלזמאַן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אופשטעלן די לאַנדווירטשאַפט און וועגן דעם, אַז די פּויערים זאָלן באַהערשן די געוועזענע פּריצישע און באַלעגופישע ערדן, האָבן מיר זיך געקאָנט באַגנוגענען מיט די אַלטע צוזאַמענשלוס־פאָרמען, אָבער אַצינד, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, איז דאָס שוין ניט גענוג. איצט דאַרף מען גיין ווייטער אין העלפן דעם פּויער איבערצובויען די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע אַף דער באַזע פון דער נייער טעכניק און פון קאָלעקטיווער אַרבעט.

דאָס מיינט, ערשטנס, אַז כויץ איבערבאַוואָפענען אונזער אינדוסטריע, דאַרפן מיר אָנהויבן ערנסט איבערבאַוואָפענען אויך די לאַנדווירטשאַפט. מיר באַוואָפענען איבער און האָבן שוין טיילווייז איבערבאַוואָפנט אונדזער אינדוסטריע, אונטערפירנדיק אונטער איר

אַ נייע טעכנישע באַזע, באַזאָרגנדיק זי מיט נייע פאַרבעסערטע מאַשינעס, מיט נייע פאַרבעסערטע קאַדרען. מיר בויען נייע זאַוואָדן און פאַבריקן, מיר בויען איבער און פאַרברייטערן די אַלטע, מיר אַנטוויקלען די מעטאַלורגיע, די כעמיע, די מאַשין=בויונג. אַף דערדאָזיקער באַזע וואַקסן די שטעט, מערן זיך נייע אינדוסטריעלע פונקטן, פאַרברייטערן זיך די אַלטע. אַף דערדאָזיקער באַזע וואַקסט דער נאָכפרעג אַף דערנערונגס=פראָדוקטן, אַף רויוואַרג פאַר דער אינדוסטריע, אָבער די לאַנדווירטשאַפט בלייבט באַם אַלטן געצייג, באַ די אַלטפרענקישע מעטאָדן פון ערד=באַאַרבעטונג, באַ דער אַלטער פרימיטיווער איצט שוין ניט טויגעוודיקער אָדער קימאַט ניט טויגעוודיקער טעכניק, באַ די אַלטע קליינפויערשע אינדיווידועלע פאָרמען פון ווירטשאַפט=פירונג און פון אַרבעט. וואָס איז ווערט אַשטייגער דער פאַקט, וואָס ביז דער רעוואָליוציע זיינען באַ אונדז געווען באַ 16 מיליאָן הויפן און איצט זיינען זיי פאַראַן ניט ווייניקער פון 25 מיליאָן? וואָס באַווייזט עס, אויב ניט דאָס, אַז די לאַנדווירטשאַפט נעמט אָן אַן אַלץ מער צעשטויבטן, צעברעקלטן כאַראַקטער. און דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די צעשטויבטע קליינע ווירטשאַפטן באַשטייט דערין, וואָס זיי זיינען ניט בעקויעך אויסצונוצן אין דער געהעריקער מאָס די טעכניק, די מאַשינעס, די טראַקטאָרם, די אַגראָנאָמישע וויסנשאַפט, אַז זיי זיינען ווייניקסכוירעסדיקע ווירטשאַפטן. פון דאַנען נעמט זיך דער מאַנגל אינעם סכוירעס=אַרויסגאַנג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן. פון דאַנען נעמט זיך די געפאַר פון אַן איינרייס צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן דער אינדוסטריע און דער לאַנדווירטשאַפט. פון דאַנען נעמט זיך די נויטיקייט אונטערצויאָגן, אונטערצוטרייבן די לאַנדווירטשאַפט צום אַנטוויקלונגס=טעמפ פון אונזער אינדוסטריע. איז אָט, קעדיי עס זאָל ניט זיין דידאָזיקע געפאַר פון אַן איינרייס, דאַרף מען אָנהויבן אַף אַן ערנסטן אויפן איבערבאַוואָפענען די לאַנדווירטשאַפט אַף דער באַזע פון דער נייער טעכניק. און קעדיי זי איבערצובאַוואָפענען דאַרף מען בעהאַדראָגע פאַרייניקן די צעברעקלטע פויערשע ווירטשאַפטן אין גרויסע ווירטשאַפטן, אין

קאָלעקטיוון, דאַרף מען בויען די לאַנדווירטשאַפט אַף דער באַזע
פון קאָלעקטיווער אַרבעט, דאַרף מען קאָנצענטרירן די קאָלעקטיוון,
דאַרף מען אַנטוויקלען די אַלטע און נייע ראַטווירטן, דאַרף מען
סיסטעמאַטיש באַנוצן די מאַסן=פאָרמען פון קאָנטראַקטאַציע אין
אַלע גרונט=צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, דאַרף מען אַנטוויקלען
די סיסטעם פון מאַשין=טראַקטאָרישע סטאַנציעס, וואָס העלפן
דעם פויערטום צו באַהערשן די נייע טעכניק און קאָלעקטיוויזירן די
אַרבעט, מיט איין וואָרט, מע דאַרף בעהאַדראָגע אַריבערפירן די
קליינע פויערשע ווירטשאַפטן אַף דער באַזע פון גרויסער קאָלעקטי=
ווער פראָדוקציע, ווייל בלויז די גרויסע פראָדוקציע פון געזעל=
שאַפטלעכן טיפּ איז פעיִק אויסצונוצן אין דער גאַנצער מאָס די
וויסנשאַפט און די נייע טעכניק און באַוועגן פאָרויס מיט זיבנ=
מייליקע טריט די אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנדווירטשאַפט.

דאָס מיינט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז מיר דאַרפן פאַרוואַרפן
די אינדיווידועלע אָרעם= און מיטל=פויערשע ווירטשאַפט. ניין,
ס'מיינט ניט. די אינדיווידועלע אָרעם= און מיטל=פויערשע ווירט=
שאַפט שפילט און וועט שפילן אין דער נאָענטסטער צוקונפט די
דאָמינירנדיקע ראָליע אין געביט פון באַזאָרגן די אינדוסטריע מיט
דערנערונג און מיט רויוואַרג. דאַפקע דעריבער איז נויטיק צו
אונטערשטיצן די אינדיווידועלע אָרעם= און מיטל=פויערשע ווירט=
שאַפט. אָבער דאָס מיינט, אַז בלויז איין אינדיווידועלע פויערשע
ווירטשאַפט איז שוין ניט גענוג. וועגן דעםריידן אונדזערע
ברויטפאַרגרייטערשע שוועריקייטן. דעריבער דאַרף מען די אַנט=
וויקלונג פון דער אינדיווידועלער אָרעם=און מיטל=פויערשער ווירט=
שאַפט דערגאַנצן מיטן אַנטוויקלען מיט אַלע מיטלען די
קאָלעקטיווע פאָרמען פון דער ווירטשאַפט און פון די ראַטווירטן.
דעריבער דאַרף מען דורכפירן אַ בריק צווישן דער אינדיווידועלער
אָרעם= און מיטל=פויערשער ווירטשאַפט און די קאָלעקטיווע, גע=
זעלשאַפטלעכע ווירטשאַפטס=פאָרמען אין דער פאָרם פון מאַסאָווער
קאָנטראַקטאַציע, אין דער פאָרם פון מאַשין=טראַקטאָרישע סטאַנ=
ציעס, אין דער פאָרם פון אַנטוויקלען מיט אַלע מיטלען די קאָ=

אָפּעראַטיווע געזעלשאַפטלעכקייט, קעדיי צו פאַרגרינגערן די פויע=
רים אַריבערצופירן זייער קליינע אינדיווידועלעווירטשאַפט אַף די
רעלסן פון קאָלעקטיווער אַרבעט. אָן דידאָזיקע באַדינגונגען איז
אומעגלעך אַן ערנסטע אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, אָן
דידאָזיקע באַדינגונגען איז אומעגלעך צו לייזן די טווע=פּראָבלעם,
אָן דידאָזיקע באַדינגונגען, איז אומעגלעך צו באַפרייען די ווייניק=
פאַרמעגלעכע פויערשע שיכטן פון דאַלעס און נויט.

דאָס מיינט, ענדלעך, אַז מע דאַרף מיט אַלע מיטלען אַנטוויקלען
אונזער אינדוסטריע, אַלס דעם גרונט=קוואַל, וואָס דערנערט די
לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע לויט דער ליניע פון איר רעקאָנ=
סטרוקציע, אַז מע דאַרף אַנטוויקלען די מעטאַלורגיע, די כעמיע,
די מאַשין=בויונג, אַז מע דאַרף בויען טראַקטאָר=זאַוואָדן, זאַוואָדן
פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס א. אַז. וו. עס איז איבעריק
צו דערווייזן, אַז עס איז אומעגלעך צו אַנטוויקלען די קאָלווירטן,
אַז עס איז אומעגלעך צו אַנטוויקלען די ראַטווירטן, אַז עס איז
אומעגלעך צו אַנטוויקלען די מאַשין=טראַקטאָרישע סטאַנציעס, ניט
אונטערטרייבנדיק די גרונט=מאַסן פויערטום צו קאָלעקטיווע ווירט=
שאַפטס=פאָרמען דורך מאַסן=קאָנטראַקטאַציע, ניט באַזאָרגנדיק די
לאַנדווירטשאַפט מיט אַ היפּשער צאָל טראַקטאָרס, לאַנדווירט=
שאַפטלעכע מאַשינעס א. אַז. וו. אָבער באַזאָרגן דאָס דאָרף מיט
מאַשינעס און טראַקטאָרס איז אומעגלעך, ניט אַנטוויקלענדיק אונד=
זער אינדוסטריע מיט אַ פאַרשטאַרקטן טעמפּ. פון דאַנען איז
געדרונגען דער שנעלער אַנטוויקלונגס=טעמפּ פון אונדזער אינ=
דוסטריע, אַלס שליסל צו דער רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירט=
שאַפט אַף דער באַזע פון קאָלעקטיוויזם.

אָט דאָס זיינען דער זין און די באַדייטונג פון די נייע צוזאַמענ=
שלוס=פאָרמען.

כ' בוכאַרינס גרופּע איז געצוונגען צו אַנערקענען מיט ווערטער
די נויטיקייט פון נייע צוזאַמענשלוס=פאָרמען. אָבער דאָס איז בלויז
אַן אַנערקענונג מיט ו ע ר ט ע ר, וואָס איז אויסגערעכנט אַף
דעם, אַז אונטערן פאָן פון אַנערקענען מיט ווערטער די נייע פאָר=

מען דורכשמוגלען עפעס אַזוינס, וואָס איז דירעקט דער ה י י פ ע ד. אין דער ווירקלעכקייט שטייט כ׳ בוכאַרין קעגן די נייע צוזאַמענשלוס⸗פאָרמען. באַם כ׳ בוכאַרין איז דער אויסגאַנגס⸗פונקט ניט דער שנעלער אַנטוויקלונגס⸗טעמפ פון דער אינדוסטריע אַלס דעם הויבער פון דער רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פראָדוקציע, נאָר די אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידועלער פויערשער ווירטשאַפט. באַ אים זיינען אין פאָדערגרונט די „נאָרמאַליזאַציע“ פונם מאַרק און דאָס דערלאָזן די פרייע שפיל פון פרייזן אַפן מאַרק פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן, דאָס דערלאָזן, אין טאָך גענומען, די פולשטענדיקע פרייהייט פון האַנדל. פון דאַנען נעמט זיך זיין אומצוטרוילעכע באַציִונג צו די קאָלווירטן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיינע טעזיסן פאַרן יולי⸗פלענום פון צ״ק. און אין זיין רעדע אַפן יולי⸗פלענום פון צ״ק. פון דאַנען נעמט זיך זיין נעגאַטיווע באַציִונג צו אַלע און אַלערליי פאָרמען אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען קעגן די באַלעגופים באַם פאַרגרייטן דאָס ברויט. עס איז באַוווסט, אַז כ׳ בוכאַרין אַנטלויפט פון די אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען, ווי פון אַ מאַגייפע. עס איז באַוווסט, אַז כ׳ בוכאַרין קאָן נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין, אַז באַ די איצטיקע באַדינגונגען וועט דער באַלעגוף ניט אָפגעבן דעם גענוגנדיקן סכום ברויט פרייוויליק, סטיכיש. דאָס האָט איצט באַוויזן די 2⸗יאָריקע דערפאַרונג פון אונדזער פאַרגרייטונג⸗אַרבעט.

נו, אָבער ווי וועט זיין, אויב עס וועט דאָך ניט קלעקן קיין סכוירע⸗ברויט? בוכאַרין ענטפערט דערויף: באַאומרויִקט ניט דעם באַלעגוף מיט אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען און פירט אַריין ברויט פון אויסלאַנד. ער האָט נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג פאָרגעלייגט אַריינצופירן ברויט פון אויסלאַנד באַ אַ 50 מיליאָן פוד, ד. ה. אַף אַ הונדערט מיליאָן רובל וואַליוטע. אָבער אַז די וואַליוטע איז נויטיק אַף אַריינצופירן אויסשטאַטונג פאַר דער אינדוסטריע? בוכאַרין ענטפערט דערויף: מע דאַרף בעסער אַריינפירן ברויט פון אויסלאַנד און איבערלאָזן, אַפאָנים, אין הינטערגרונט דאָס אַריינפירן די אויסשטאַטונג פאַר דער אינדוסטריע.

עס קומט אויס, אַזוי אַרום, אַז די גרונט-לייזונג פון דער טווע-פּראָבלעם און פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער רעקאָנסטרוקציע איז ניט דער שנעלער אַנטוויקלונגס-טעמפּ פון דער אינדוסטריע, נאָר די אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידועלער פּויערשער ווירטשאַפט, איינשליסנדיק אַהער אויך די באַלעגופישע ווירטשאַפט, אַף דער באַזע פון פרייען מאַרק, און פונעם פרייען פּרייזן-שפּיל אַף אים.

אַזוי אַרום האָבן מיר צו טאָן מיט צוויי פאַרשיידענע פּלענער פון דער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק.

## דער פּלאַן פון דער פּאַרטיי:

1) מיר באַוואָפענען איבער (רעקאָנסטרוקציע) די אינדוסטריע;

2) מיר הויבן אָן ערנסט איבערצובאַוואָפענען די לאַנדווירטשאַפט (רעקאָנסטרוקציע);

3) דערצו דאַרף מען פאַרברייטערן די בויונג פון קאָלווירטן און ראַטווירטן, מאַסנווייז, אָנווענדן קאָנטראַקטאַציע און מאַשין-טראַקטאָרישע סטאַנציעס, אַלס מיטל אויפצושטעלן דעם פּראָדוּ-ציר-צוזאַמענשלוס צווישן דער אינדוסטריע און דער לאַנדווירטשאַפט;

4) וואָס אַנבאַלאַנגט די ברויטפאַרגרייטונג-שוועריקייטן אינעם געגעבענעם מאָמענט, איז נויטיק צו אַנערקענען די דערלאָזבאַרקייט פון צייטווייליקע אויסעראָרדנטלעכע מיטלען, וואָס ווערן פאַרשטאַרקט דורך דער געזעלשאַפטלעכער אונטערשטיצונג פון די אָרעם- און מיטל-פּויערשע מאַסן אַלס איינס פון די מיטלען צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די באַלעגופים און צוצונעמען בא אים מאַקסימאַל די ברויט-רעשטן, וואָס זיינען נויטיק כדיי צו באַגיין זיך אָן ברויט-אימפּאָרט און איינצוהיטן די וואַליוטע אַף צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע;

5) די אינדיווידועלע אָרעם- און מיטל-פּויערשע ווירטשאַפט שפּילט און וועט נאָך שפּילן די דאָמינירנדיקע ראָליע אין געביט פון באַזאָרגן דאָס לאַנד מיט דערנערונג און רויוואַרג, אָבער זי אַליין איז שוין ניט גענוג, — די אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידועלער

אָרעם= און מיטל=פּויערשערווירטשאַפט דאַרף מען דעריבער
דערגאַנצן מיט דער אַנטוויקלונג פון די קאָלווירטן און ראַט=
ווירטן, מיט דער מאַסאָווער קאָנטראַקטאַציע, מיט דער פאַרשטאַרק=
טער אַנטוויקלונג פון די מאַשין=טראַקטאָרישע סטאַנציעס, קעדיי
גרינגער צו מאַכן דאָס אַרויסשטופּן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן
פון דער לאַנדווירטשאַפט און ביסלעכווייז אַריבערפירן די אינדי=
ווידועלע פויערשע ווירטשאַפטן אַף די רעלסן פון גרויסע קאָ=
לעקטיווע ווירטשאַפטן, אַף די רעלסן פון קאָלעקטיווער אַרבעט;

6) אָבער קעדיי צו דערשלאָגן זיך אָט דאָס אַלץ, איז קוידעם=
קאָל נויטיק צו פאַרשטאַרקן די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע,
פון מעטאַל, פון כעמיע, פון מאַשין=בויונג, פון די טראַקטאָר=
זאַוואָדן, פון די זאַוואָדן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס א. אַז.
וו. אָן דעם איז אומעגלעך די לייזונג פון דער טווע=פּראָבלעם און
די רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט.

דער אויספיר: דער שליסל פון דער לאַנדווירט=
שאַפטלעכער רעקאָנסטרוקציע איז דער שנע=
לער אַנטוויקלונגס=טעמפּ פון אונדזער אינ=
דוסטריע.

## כ' בוכאַרינס פּלאַן:

1) „נאָרמאַליזירן" דעם מאַרק, דערלאָזן די פרייע שפּיל פון
פרייזן אַפן מאַרק און העכערן די פרייזן אַף ברויט, ניט אָפּשטעלנ=
דיק זיך פאַר דעם, וואָס דאָס קאָן ברענגען צו דער פאַרטייערונג
פון די אינדוסטריעלע סכוירעס, פונעם רויוואַרג און פון ברויט;

2) מיט אַלע מיטלען צו אַנטוויקלען די אינדיווידועלע פּויערשע
ווירטשאַפט בא א באַוווסטער פאַרקירצונג פונם אַנטוויקלונגס=
טעמפּ פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן (כ' בוכאַרינס טעזיסן אין
יולי, בוכאַרינס רעדע אַפן יולי=פּלענום);

3) די פאַרגרייטונגען גייען סטיכיש, אַזוי אַז זיי שליסן אויס
שטענדיק און בא אַלע באַדינגונגען אַפילע דאָס טיילווייזע אָנ=
ווענדן אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען קעגן די באַלעגופים, אויב

אַפּילע דידאָזיקע מאַסמיטלען ווערן אונטערשטיצט פון דער אָרעם־ און מיטל־פּויערשער מאַסע;

4) אין פאַל, ווען עס סטאַיעט ניט קיין ברויט, — אַריינפירן ברויט אַף אַ הונדערט מיליאָן רובל;

5) און אויב קיין וואַליוטע וועט ניט קלעקן, קעדיי צו דעקן דעם אימפּאָרט פון ברויט און דעם אימפּאָרט פון אויסשטאַטונג פאַר דער אינדוסטריע, דאַרף מען פאַרקלענערן דעם אימפּאָרט פון אויסשטאַטונג, און מעמיילע אויך דעם אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון אונדזער אינדוסטריע, — אַניט וועט באַ אונדז זיין אַ „שטויסן זיך אַף איין אָרט“, און אַמאָל אויך דאָס „דירעקטע פאַלן אַראָפּ“ פון דער לאַנדווירטשאַפט („נאָטיצן פון אַן עקאָנאָמיסט“).

דער אויספיר: דער שליסל פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער רעקאָנסטרוקציע איז די אַנט־וויקלונג פון דער אינדיווידועלער פּויערשער ווירטשאַפט.

אָט ווי אַזוי עס דרייט זיך אויס די זאַך, כאַווײרים.

כ' בוכאַרינס פּלאַן איז דער פּלאַן פון אַראָפּזעצן דעם אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון דער אינדוסטריע און פון אַרונטער־רייסן די נייע צוזאַמענשלוס־פאָרמען.

אָט דאָס זיינען אונדזערע כעלוקע־דייעס.

צי האָבן מיר ניט פאַרשפּעטיקט מיט דער אַנטוויקלונג פון די נייע צוזאַמענשלוס־פאָרמען, מיט דער אַנטוויקלונג פון די קאָל־ווירטן, ראַטווירטן א. אַז. וו.?

עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס באַהויפּטן, אַז די פּאַרטיי האָט פאַרשפּעטיקט לעבאַלאַפּאַכעם אַף אַ יאָר צוויי מיט דערדאָזיקער זאַך. דאָס איז ניט ריכטיק, כאַווײרים. דאָס איז אַבסאָליוט ניט ריכטיק. אַזוי קאָנען ריידן בלויז די „לינקע“ שרייער, וואָס האָבן ניט קיין פאָרשטעלונג וועגן דער עקאָנאָמיק פון ראַטנפאַרבאַנד. וואָס הייסט פאַרשפּעטיקן אין דעמדאָזיקן פראַט? אויב עס האַנדלט זיך וועגן פאַרויסזעען די נויטיקייט פון קאָלווירטן און ראַטווירטן, האָבן מיר דידאָזיקע זאַך אָנגעהויבן נאָך בעיס דער אָקטיאַבר־

איבערקערעניש. אַז די פּאַרטיי האָט פאַרויסגעזעען די נויטיקייט פון קאָלווירטן און ראַטווירטן נאָך דעמאָלט, אין פעריאָד פון דער אָקטיאַבר־איבערקערעניש, — דערין קאָן קיין שום צווייפל ניט זיין. מע קאָן, ענדלעך, נעמען אונדזער פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אַפן 8־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (מאַרט 1919). די נויטיקייט פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן איז דאָרט דיסקאָנטירט געוואָרן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט. אָבער בלויז דאָס פאָרויסזעען די נויטיקייט פון קאָלווירטן און ראַטווירטן מיצאַד דעם אָנפירנדיקן קעפל פון אונדזער פּאַרטיי איז ניט גענוג, קעדיי צו פאַרווירקלעכן און אָרגאַניזירן די מאַסן־באַוועגונג פאַר די קאָלווירטן און ראַטווירטן. הייסט עס, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן פאָרויסזעען, נאָר וועגן פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון דער קאָלווירטיש־ראַטווירטישער בויונג. אָבער פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ פּלאַן פאָדערט זיך אַ גאַנצע ריי באַדינגונגען, וואָס זיינען באַ אונדז ביז איצט ניט געווען און וואָס האָבן זיך באַוויזן ערשט די לעצטע צייט. אָט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, כאַווײרים.

קעדיי דורכצופירן דעם פּלאַן פון דער מאַסן־באַוועגונג פאַר די קאָלווירטן און ראַטווירטן איז נויטיק, אַז אין דעמדאָזיקן פּראַט זאָל קוידעמקאָל די פּאַרטיי אין איר מאַסע אונטערשטיצן דאָס פּאַרטייִשע קעפל. אָבער אונדזער פּאַרטיי איז, ווי באַוווּסט, אַ מיליאָניקע. הייסט עס, אַז מע האָט באַדאַרפט איבערצייגן די ברייטע פּאַרטייִשע מאַסן אין דער ריכטיקייט פון דער פּאָליטיק פונעם אָנפירנדיקן קעפל. דאָס איז ערשטנס.

דערצו איז, ווייטער, נייטיק, אַז אין דער טיפעניש פונעם פּויערטום זאָל באַשאַפן ווערן אַ מאַסן־באַוועגונג פאַר די קאָלווירטן, אַז דאָס פּויערטום זאָל ניט מוירע האָבן פאַר די קאָלווירטן און זאָל אַליין גיין אין די קאָלווירטן, איבערצייגנדיק זיך אַף דער דערפאַרונג אין די מיילעס פון די קאָלווירטן לעגאַבע דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט. און דאָס איז אַן ערנסטע זאַך, וואָס פאָדערט אַ געוויסע צייט. דאָס איז צווייטנס.

דערצו איז נויטיק, ווייטער, אַז באַ דער מעלוכע זאָלן זיין מאַ־

טעריעלע מיטלען, וואָס זיינען נויטיק אַף צו פינאַנסירן די באַוועגונג, אַף צו פינאַנסירן די קאָלווירטן און ראַטווירטן. און דערויף זיינען נויטיק הונדערטער און הונדערטער מיליאָנען, טייערע כאַווירים. דאָס איז דריטנס.

דערצו איז נייטיק, ענדלעך, אַז עס זאָל זיין אַנטוויקלט די אינדוסטריע אין אַ מער אָדער ווייניקער גענוגנדיקער מאָס, וואָס איז נויטיק קעדיי צו באַזאָרגן די לאַנדווירטשאַפט מיט מאַשינעס, טראַקטאָרס, באַמיסטיקונג א. אַז. וו. דאָס איז פערטנס.

צי קאָן מען באַהויפטן, אַז בײַ אונז זיינען שוין געווען דידאָזיקע אַלע באַדינגונגען מיט אַ יאָר צוויי אָדער דריי צוריק? ניין, מע קאָן דאָס ניט באַהויפטן.

מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז מיר שטעלן מיט זיך פאָר אַ פאַרטיי אַ *רעגירנדיקע*, אָבער ניט קיין *אָפּאָזיציאָנעלע*. אַן אָפּאָזיציאָנעלע פאַרטיי קאָן געבן לאָזונגען, — איך רייד וועגן ראַדיקאַלע פּראַקטישע לאָזונגען פון דער באַוועגונג, — קעדיי צו פאַרווירקלעכן זיי נאָך איר קומען צו דער מאַכט. קיינער קאָן ניט באַשולדיקן אַן אָפּאָזיציאָנעלע פאַרטיי דערפאַר, וואָס זי פאַרווירקלעכט ניט אירע ראַדיקאַלע לאָזונגען טייקעף, ווייל אַלע פאַרשטייען אַז באַם רודער שטייט ניט זי, די אָפּאָזיציאָנעלע פאַרטיי, נאָר אַנדערע פאַרטייען. גאַנץ אַנדערש איז אָבער די מאַיסע מיט אַ רעגירנדיקער פאַרטיי, ווי דאָס איז אונדזער באָלשעוויסטישע פאַרטיי. די לאָזונגען פון אַזאַ פאַרטיי זיינען ניט קיין פּאָשעטע אַגיטאַציע-לאָזונגען, נאָר עפּעס אַסאַך מער, ווייל זיי האָבן די קראַפט פון אַ *פּראַקטישער לייזונג*, די קראַפט פון אַ *געזעץ*, וואָס מע דאַרף דורכפירן טייקעף. אונדזער פאַרטיי קאָן ניט געבן קיין פּראַקטישן לאָזונג און דערנאָך אָפּלייגן זיין פאַרווירקלעכונג. דאָס וואָלט געווען אָפּגענאַרט די מאַסן. קעדיי צו געבן אַ לאָזונג, באַזונדערס אַזאַ ערנסטן לאָזונג, ווי אַריבערפירן מיליאָנען מאַסן פויערטום אַף די רעלסן פון קאָלעקטיוויזם, דאַרף מען האָבן די באַדינגונגען פאַר זייער דירעקטער פאַרווירקלעכונג, דאַרף מען, ענדלעך, שאַפן, אָרגאַניזירן דידאָזיקע באַדינגונגען. אָט פאַרוואָס

פאַר אונדז איז ניט געווען בלויז דאָס פאָרויסזעען די נויטיקייט פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן מיצאַד דעם פּאַרטיי־קעפּל. אָט פאַרוואָס מיר דאַרפן נאָך האָבן די באַדינגונגען, וואָס זײַנען נויטיק קעדיי צו פאַרווירקלעכן, דורכפירן אין לעבן אונדזערע לאָזונגען.

צי איז אונזער פּאַרטיי אין איר מאַסע געווען גרייט צו דער אַלמעגלעכער אַנטוויקלונג פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן, לאָמיר זאָגן, מיט אַ יאָר צוויי אָדער דריי צוריק? ניין, זי איז נאָך דערצו ניט געווען גרייט. דער ערנסטער קער צווישן די פּאַרטייִשע מאַסן אין דער ריכטונג פון די נײַע צוזאַמענשלוס־פאָרמען האָט זיך אָנגעהויבן ערשט פון די ערשטע ערנסטע ברויטפאַרגרייטונגס־שוועריקייטן. עס האָבן זיך געפאָדערט דידאָזיקע שוועריקייטן, קעדיי די פּאַרטיי אין דער מאַסע זאָל דערפילן די גאַנצע נויטיקייט צו פאָרמירן די נײַע צוזאַמענשלוס־פאָרמען און, קוידעמקאָל, פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן, און זי זאָל אַנטשיידן אונטערשטיצן אין דעמדאָזיקן פּראַט איר צ״ק. אָט איז אײַך איין באַדינג, וואָס ער איז בײַ אונדז פריער ניט געווען און וואָס איצט איז ער פאַראַן.

צי איז בײַ אונדז מיט אַ יאָר צוויי אָדער דריי צוריק געווען אַן ערנסטע באַוועגונג פון די מיליאָנען מאַסן פּויערטום לעטוויוועס די קאָלווירטן אָדער ראַטווירטן? ניין, עס איז ניט געווען. יעדערן איז באַוווּסט, אַז מיט צוויי אָדער דריי יאָר צוריק האָט זיך דאָס פּויערטום פײַנטלעך באַצויגן צו די ראַטווירטן, און די קאָלווירטן האָט עס טרעטירט ווי אַ „קאָמונ!ע“, וואָס קיינער דאַרף זי ניט. און איצט? איצט איז אַן אַנדער זאַך. איצט זײַנען שוין בײַ אונז פאַראַן גאַנצע שיכטן פּויערטום, וואָס קוקן אַף די ראַטווירטן און קאָלווירטן, ווי אַף אַ קוואַל פון הילף דער פּויערשער ווירטשאַפט מיט זריע, מיט פאַרבעסערטן פי, מיט מאַשינעס, טראַקטאָרס. אַצינד דערלאַנג נאָר מאַשינעס און טראַקטאָרס, די זאַך פון די קאָלווירטן וועט אַוועקגיין פאָרויס מיט אַ פאַרשטאַרקטן טעמפּ.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ איבערבראָך צווישן געוויסע גאַנץ באַדייטנדיקע שיכטן פּויערטום, וואָס האָט אים מיטגעווירקט?

קוידעמקאָל די אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע און פון דער קאָ־אָפּעראַטיווער געזעלשאַפטלעכקייט. עס קאָן קיין סאָפּעק ניט זיין, אַז אָן דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע, באַזונדערס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער, וואָס האָט געשאַפן די פּסיכאָלאָגישע באַזע צווישן די פּויערים לעטוויוועס די קאָל־ווירטן, וואָלט באַ אונז ניט געווען דער דראַנג צו די קאָלווירטן, וועלכן עס ווייזן איצט ארויס גאַנצע שיכטן פּויערטום. אַ גרויסע ראָליע האָט דאָ אויך אָפּגעשפּילט דאָס, וואָס עס זיינען פאַראַן גוט איינגעאָרדנטע קאָלווירטן, וועלכע האָבן געגעבן די פּויערים גוטע מוסטערן דערפון, ווי אַזוי מע קאָן פאַרבעסערן די לאַנדווירטשאַפט, פאַרייניקנדיק די קליינע פּויערשע ווירטשאַפטן אין גרויסע און קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן. דאָ האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָ־ליע דאָס, וואָס עס זיינען פאַראַן גוט־איינגעאָרדנטע ראַטווירטן, וואָס האָבן געהאָלפן די פּויערים אין פראַט פון פאַרבעסערן די ווירטשאַפט. איך רייד שוין ניט וועגן אַנדערע פאַקטן, וואָס זיינען גוט באַוווסט אייך אַלעמען. אָט איז אייך נאָך איין באַדינג, וואָס איז באַ אונדז פריער ניט געווען און וואָס איצט איז ער פאַראַן באַ אונדז.

ווייטער, צי קאָן מען באַהויפּטן, אַז מיר האָבן געהאַט אַ מעג־לעכקי'ט מיט אַ יאָר צוויי אָדער דריי צוריק ערנסט צו פינאַנסירן די קאָלווירטן און ראַטווירטן און אַסיגנירן דערויף הונדערטער מי־ליאָנען רובל? ניין, מע קאָן ניט באַהויפּטן. איר ווייסט גוט, אַז באַ אונדז האָט ניט געסטייעט קיין מיטלען אַפילע אַף צו אַנטוויקלען דעם מינימום אינדוסטריע, וואָס אָן אים איז ביכלאַל ניט מעגלעך קיין שום אינדוסטריאַליזאַציע, שוין ניט ריידנדיק וועגן דער רע־קאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. צי האָבן מיר געקאָנט אָפּנעמען דידאָזיקע מיטלען באַ דער אינדוסטריע, וואָס איז די באַזע פון דער אינדוסטריאַליזאַציע אין לאַנד און איבערגעבן זיי די קאָלווירטן און ראַטווירטן. קלאָר, אַז מיר האָבן ניט געקאָנט. נו, און אַצינד? אַצינד זיינען באַ אונדז יאָ פאַראַן דידאָזיקע מיטלען אַף צו אַנטוויקלען די קאָלווירטן און ראַטווירטן.

צי קאָן מען ענדלעך באַהויפּטן, אַז מיר האָבן שוין מיט אַ יאָר צוויי אָדער דריי צוריק געהאַט אַ געגוגנדיקע באַזע אין דער אינ־דוסטריע, קעדיי שטאַרקער צו באַזאָרגן די לאַנדווירטשאַפט מיט מאַשינעס, טראַקטאָרס א. אַז. וו.? ניין, מע קאָן דאָס ניט באַהויפּטן. דעמאָלט איז די אויפגאַבע באַשטאַנען אין שאַפן דעם מיני־מום פון דער אינדוסטריעלער באַזע, קעדיי צו באַזאָרגן די לאַנדווירטשאַפט אין דער צוקונפט מיט מאַשי־נעס און טראַקטאָרס. אַט טאַקע אַף צו שאַפן דידאָזיקע באַזע זיי־נען באַ אונז דעמאָלט אַוועק אונזערע קאַרגע פינאַנציעלע מיטלען. נו, און אַצינד? אַצינד איז באַ אונדז פאַראַן דידאָזיקע פינאַנציעלע באַזע פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. יעדנפאַלס, ווערט דידאָזיקע באַזע געשאַפן באַ אונז מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפּ.

עס קומט אויס, אַז די באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער מאַסאָווער אַנטוויקלונג פון די קאָלווירטן און ראַטווירטן זיי־נען באַ אונדז געשאַפן געוואָרן ערשט אין דער לעצטער צייט.

אַט ווי אַזוי די מאַיסע איז, כאַוויירים.

אַט פאַרוואָס מע קאָן ניט זאָגן, אַז מיר האָבן פאַרשפּעטיקט מיט דער אַנטוויקלונג פון די נייע צוזאַמענשלוס־פאָרמען.

## ז) כ. בוכארין אלס טעאָרעטיקער

אַט דאָס זיינען, אין גרונט גענומען, די הויפּט־טאָעסן פונעם טעאָרעטיקער פון דער רעכטער אָפּאָזיציע, כ׳ בוכאַרין, אין די גרונט־פראַגן פון אונדזער פּאָליטיק.

מע זאָגט, אַז כ׳ בוכאַרין איז דער טעאָרעטיקער פון אונדזער פּאַרטיי. ער איז, פאַרשטייט זיך, אַ טעאָרעטיקער און ניט קיין קליינער טעאָרעטיקער. אָבער די מאַיסע דערפון איז, וואָס מיט דער טעאָריע איז באַ אים ניט אַלץ קעשורע. דאָס איז צו זעען אַפילע דערפון, וואָס ער האָט אָנגעוואָלגערט אַ גאַנצן הויפן טאָעסן אי־בער די פראַגן פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק, וואָס איך האָב אָקאָרשט כאַראַקטעריזירט. עס קאָן ניט זיין, אַז דידאָזיקע טאָעסן, די טאָעסן

לויט דער ליניע פון קאָמינטערן, די טאָעסן איבער די פראַגן פון קלאַסנקאַמף, וועגן פאַרשאַרפן דעם קלאַסנקאַמף, וועגן פויערטום, וועגן נעפּ, וועגן די נייע צוזאַמענשלוס=פאָרמען, — עס קאָן ניט זיין, אַז אָט די אַלע טאָעסן זאָלן זיך באַ אים באַוויזן צופעליק. ניין, דידאָזיקע טאָעסן זיינען ניט קיין צופעליקע. זיי, דידאָזיקע טאָעסן כ׳ בוכאַרינס, האָבן זיך גענומען פון זיין ניט ריכטיקער ציל=אָנגעווענדטקייט, פון זיינע טעאָרעטישע פעלערן. יאָ, כ׳ בוכאַרין איז אַ טעאָרעטיקער. אָבער ער איז אַ טעאָרעטיקער ניט אינגאַנצן קיין מאַרקסיסטישער, אַ טעאָרעטיקער, וואָס דאַרף זיך נאָך צולערנען, קעדיי צו ווערן אינגאַנצן אַ מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער.

מע פאַרופט זיך אַף כ׳ לענינס באַוווסטן בריוו וועגן בוכאַרינען, ווי וועגן אַ טעאָרעטיקער. לאָמיר איבערלייענען דעמדאָזיקן בריוו.

„פון די יונגע מיטגלידער פונם צ. ק., — זאָגט לענין, — וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן בוכארינען און פיאטאקאָוון. דאָס זיינען, לויט מיין מיינונג, די סאמע אָנגעזעענע קרעפטן (פון די סאמע יונגע קרעפטן) און וועגן זיי דארף מען האָבן אין זינען אָט וואָס: בוכארין איז ניט בלויז זייער א ווערטפולער און זייער א גרויסער טעאָרעטיקער פון אונדזער פארטיי, ער ווערט אויך געזעצלעך גערעכנט פארן ליבלינג פון דער גאנצער פארטיי, אָבער *זיינע טעאָרעטישע אָנשויונגען קאָנען מיט זייער א גרויסן סאָפעק פארעכנט ווערן אלס אינגאנצן מארקסיסטישע*, ווייל אין אים איז פאראן עפּעס *סכאָלאסטישעס* (ער האָט זיך *קיינמאָל* ניט געלערנט און *איך מיין, אז ער האָט קיינמאָל ניט פארשטאנען אינגאנצן די דיאלקטיק*) (מיין קורסיוו י. סט.). (סטענאָגראמע פון יולי-פלענום פון צ. ק. 1926 יאָר, העפט 4, זייט 66).

אַלזאָ, אַ טעאָרעטיקער אָן דיאַלעקטיק. אַ טעאָרעטיקער=סכאָלאַסטיקער. אַ טעאָרעטיקער, וואָס זיינע „טעאָרעטישע אָנשויונגען קאָנען מיט זייער אַ גרויסן סאָפעק פאַרעכנט ווערן אַלס אינגאַנצן מאַרקסיסטישע“. אָט דאָס איז די כאַראַקטעריסטיק, וואָס לענין האָט געגעבן כ׳ בוכאַרינס טעאָרעטישער פיזיאָנאָמיע.

איר אַליין פאַרשטייט, כאַווײרים, אַז אַזאַ טעאָרעטיקער דאַרף זיך נאָך צולערנען און ווען כ׳ בוכאַרין וואָלט פאַרשטאַנען, אַז ער

איז אַ טעאָרעטיקער נאָך ניט אינגאַנצן קיין פאַרענדיקטער, אַז ער נויטיקט זיך נאָך אין צולערנען זיך, אַז ער איז אַ טעאָרעטיקער, וואָס האָט נאָך ניט אינגאַנצן באַנומען די דיאַלעקטיק, און די דיאַלעקטיק איז די נעשאָמע פונם מאַרקסיזם, ווען ער וואָלט דאָס פאַרשטאַנען, וואָלט ער געווען באַשיידענער, און דערפון וואָלט די פאַרטיי בלויז געווונען. דער אומגליק איז אָבער, וואָס בוכאַרין ליידט ניט אַף באַשיידנקייט. דער אומגליק איז, וואָס ניט בלויז, וואָס ער ליידט ניט אַף באַשיידנקייט, נאָר ער נעמט זיך אונטער אַפילע לערנען אונדזער לערער לענין איבער אַ גאַנצער ריי פראַגן און קוידעמקאָל איבער דער פראַגע וועגן מעלוכע. אָט אין וואָס דער אומגליק איז, באַווײַרים.

דערלויבט צו פאַרופן זיך מיקויעד דעמדאָזיקן איניען אַפן באַוווסטן טעאָרעטישן שטרייט צווישן לענינען און בוכאַרינען איבער דער פראַגע וועגן מעלוכע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אין 1916 יאָר. דאָס איז פאַר אונדז וויכטיק, קעדיי אופצודעקן סיי די צו גרויסע פּרעטענזיעס פון כ׳ בוכאַרין, וואָס קלייבט זיך לערנען לענינען, און סיי די וואָרצלען פון זיינע טעאָרעטישע שוואַכקייטן אין אַזוינע וויכטיקע פראַגן, ווי די פראַגע וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועגן קלאַסנקאַמף א. אַז. וו. ווי באַוווסט, איז אינעם זשורנאַל „אינטערנאַציאָנאַל מאָלאָדיאָזשי“ דערשינען אין 1916 יאָר כ׳ בוכאַרינס אַן אַרטיקל, וואָס, אין טאָך גענומען, איז ער געווען געצילט קעגן דעם כ׳ לענין, מיט דער אונטערשריפט נאָטא בענע *. אין דעמדאָזיקן אַרטיקל שרייבט כ׳ בוכאַרין:

„...ס׳איז אבסאָלוט פעלערהאפט צו זוכן אונטערשיידן צווישן די סאָציאליסטן און אנארכיסטן אין דעם, אז די ערשטע זיינען אָנהענגער, די צווייטע זיינען קעגנער פון דער מעלוכע. דער אונטערשייד באשטייט אין דערווירקלעכקייט דערין, וואָס די רעוואָלוציאָנערע סאָציאל-דעמאָקראטיע וויל אָרגאניזירן א נייע געזעלשאפטלעכע פּראָדוקציע אלס צענטראליזירטע, ד. ה. טעכניש די סאמע פּראָגרעסיווע, אין דער צייט, ווען די דעצענטראליזירטע אנארכיסטישע פּראָדוקציע וואָלט געמיינט בלויז א טריט אף צוריק, צו דער אלטער פאָרם אונטערנעמונגען“.

---

Nota Bene. *

„פאר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע איז, אָדער וועלכע דאַרף, לעכאַלאַפּאָכעס, זיין די דערציִערן פון די מאסן, איז איצט מער, ווי ווען עס איז פריִער, נויטיק אונטערצושטרייכן איר פּרינציפּיעלע פיינטלעכקייט צו דער מעלוכע... די איצטיקע מילכאָמע האָט באַוויזן, ווי טיף די וואָרצלען פון דער מעלוכישקייט זיינען אריינגעדרונגען אין די נעשאָמעס פון די ארבעטער".

קריטיקירנדיק דידאָזיקע אָנשויונגען כ' בוכאַרינס, ענטפערט כ' לענין אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין 1916 יאָר:

„דאָס איז ניט ריכטיק. דער אווטאָר שטעלט די פראגע: אין וואָס איז דער אונטערשייד פון דער שטעלונג מיצאד די סאָציאַליסטן און אנארכיסטן צו דער מ ע ל ו כ ע, און ער ענטפערט נ י ט אף דערדאָזיקער, נאָר אף אַן א נ ד ע ר פראגע, אין וואָס עס איז דער אונטערשייד פון זייערע באַציונ-גען צו דער עקאָנאָמישער באַזע פון דער צוקונפטיקער געזעלשאפט. דאָס איז זייער א וויכטיקע און א נויטיקע פראגע, פארשטייט זיך. אָבער פון דאנען איז ניט געדרונגען, אז מע זאָל מעגן פארגעסן דעם א י ק ע ר אין דעם אונטערשייד פון דער באַציִונג מיצאד די סאָציאַליסטן און אנארכיסטן צו דער מעלוכע. די סאָציאַליסטן זיינען פאר אויסנוצן די מאָדערנע מעלו-כע און אירע אנשטאלטן אין קאמף פאר דער באפרייונג פונעם ארבעטער-קלאס, און אויך פאר דער נויטיקייט אויסצונוצן,די מעלוכע פאר דער אייגנ-ארטיקער איבערגאנגס-פאָרם פון קאפּיטאליזם צום סאָציאַליזם. אזא איבער-גאנג-פאָרם, א ו י ך א מעלוכע, איז די דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט. די אנארכיסטן ווילן „אָפּשאפן" די מעלוכע, „אופרייסן" זי, ווי עס דריקט זיך אויס אין איין אָרט כ' „נאָטא בענע", צושרייבנדיק אלפּיטאָעס דידאָזיקע אָנשויונג די סאָציאַליסטן. די סאָציאַליסטן — דער אווטאָר האָט ציטירט צו קנאפּ צום באַדויערן ענגעלס ווערטער, וואָס באַציען זיך אהערצו — זיי אנערקענען די אָפּשטארבונג, דאָס „ביִסלעכווייזע" „איינשלאָפן" פון דער דער מעלוכע נ אָ ך דער עקספּראָפּריאציע פון דער בורזשואזיע".

„קעדיי „אונטערצושטרייכן" „די פּרינציפּיעלע פיינטלעכקייט" צו דער מעלוכע, דאַרף מען ווירקלעך „קלאָר" פארשטייען זי, און באַם אווטאָר איז גראָד קיין קלאָרקייט ניטאָ. די פראַזע ווידער וועגן די „וואָרצלען פון דער מעלוכישקייט", איז שוין אינגאנצן א פארפּלאָנטערטע, ניט קיין מאַרק-סיסטישע און ניט קיין סאָציאַליסטישע. ניט די „מעלוכישקייט" האָט זיך צענויפגעשטויסן מיט דער אָפּלייקענונג פון דער מעלוכישקייט, נאָר די אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק (ד. ה. די אָפּאָרטוניסטישע, רעפאָרמיסטישע בור-זשואזע באַציִונג צו דער מעלוכע) האָט זיך צענויפגעשטויסן מיט דער רעוואָלוציאָנערער, סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאָליטיק (ד. ה. מיט דער רעוואָ-

לוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַציִונג צו דער בורזשואַזער מעלוכע און צו דער אויסנוצונג פון דער מעלוכע קעגן דער בורזשואַזיע, קעדיי זי אַראָפּצוּוואַרפן). דאָס זיינען גאָר, גאָר פאַרשיידענע זאַכן". (לענין. באַנד 13, זייטן 460—461 — „אינטערנאַציאָנאַל מאָלאָדיאָזשי").

דוכט זיך, אַז עס איז קלאָר, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך און אין וואָס פאַר אַ האַלב-אַנאַרכיסטישער בלאָטע כ' בוכאַרין איז פאַרקראָכן!

סטען. — לענין האָט דעמאָלט אַף אַ פאַנאַנדערגעוויקלטן אויפן נאָך ניט פאָרמולירט די נויטיקייט „אופצורייסן" די מעלוכע. מאַכנדיק אַנאַרכיסטישע טאָעסן, איז בוכאַרין יאָ צוגעגאַנגען צו דער פאָרמולירונג פון דערדאָזיקער פראַגע.

סטאַלין. — ניין, כ' סטען, איצט האַנדלט זיך ניט וועגן דעם. עס האַנדלט זיך וועגן דער באַציִונג צו דער מעלוכע ביכלאַל. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס לויט כ' בוכאַרינס מיינונג דאַרף דער אַרבעטער-קלאַס זיין פּרינציפּיעל פיינטלעך צו יעטווידער מעלוכע, דערין אויך צו דער מעלוכע פונעם אַרבעטער-קלאַס.

סטען. — לענין האָט דעמאָלט גערעדט בלויז וועגן אויסנוצן די מעלוכע, גאָרנישט ניט זאָגנדיק וועגן כ' בוכאַרינס קריטיק וועגן „אויפרייס".

סטאַלין. — איר זייט זיך טויע, כ' סטען. איך האָב די האָזע צו פאַרזיכערן אייך, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז די אַרבעטער דאַרפן לויט דער מיינונג פון בוכאַרינען (און פון די אַנאַרכיסטן) אונטערשטרייכן זייער פּרינציפּיעלע פיינטלעכקייט צו יעטווידער מעלוכע און מעמיילע אויך צו דער מעלוכע פון איבערגאַנגס-פּעריאָד, צו דער מעלוכע פונעם אַרבעטער-קלאַס. פּראָבירט אָקאָרשט דערקלערן אונדזערע אַרבעטער, אַז דער אַרבעטער-קלאַס דאַרף זיך דורכדרינגען מיט אַ פּרינציפּיעלער פיינטלעכקייט צו דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וועלכע איז דאָך אויך אַ מעלוכע. בוכאַרינס פּאָזיציע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין אַרטיקל אין „אינטערנאַציאָנאַל מאָלאָדיאָזשי", איז די פּאָזיציע

פון אָפלייקענען די מעלוכע אין דעם איבערגאַנגס=פעריאָד פון קאַפיטאַליזם צום סאָציאַליזם. כ׳ בוכאַרין האָט דאָ פאַרזען אַ „קלייניקייט“, נעמלעך, ער האָט פאַרזען אַ גאַנצן איבערגאַנגס=פעריאָד, ווען דער אַרבעטער=קלאַס קאָן זיד ניט באַגיין אָן זיין אייגענער מעלוכע, אויב ער וויל ווירקלעך אונטערדריקן די בורזשואַזיע און בויען דעם סאָציאַליזם. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, — איז ניט ריכטיק, אַז כ׳ לענין האָט דעמאָלט אין זיין קריטיק ניט באַרירט די טעאָריע פון „אופרייסן“, „אָפשאַפן“ די מעלוכע ביכלאַל. לענין האָט ניט בלויז באַרירט דידאָזיקע טעאָריע, ווי דאָס איז צו זען פון די ציטאַטן, וואָס איד האָב געבראַכט, נאָר ער האָט זי נאָך קריטיקירט ביז גאָר אַלס אַנאַרכיסטישע טעאָריע און האָט קעגן איר קעגנגעשטעלט די טעאָריע פון *שאַפן* אַ נייע מעלוכע נאָכן אַראָפוואַרפן די בורזשואַזיע, נעמלעך, די מעלוכע פון דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור. ענדלעך, מע קאָן ניט צונויפמישן די אַנאַרכיסטישע טעאָריע פון „אויפרייסן“ די מעלוכע מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון „צעברעכן“, „צעקלאַפן“ די *בורזשואַז*=מעלוכישע מאַשין: עמעצער פון די כאַווײרים איז גענויגט צונויפמישן דידאָזיקע צוויי פאַרשיידענע באַגריפן, מיינענדיק, אַז זיי זיינען דער אויסדריק פון איין און דעמזעלבן געדאַנק. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. אַבסאָליוט ניט ריכטיק, כאַווײרים. לענין איז אַרויסגעגאַנגען בעפיירעש פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון „צעברעכן“ די *בורזשואַז*=מעלוכישע מאַשין, ווען ער האָט קריטיקירט די אַנאַרכיסטישע טעאָריע פון „אופרייסן“ און „אָפשאַפן“ די מעלוכע ביכלאַל.

עס וועט עפשער ניט איבעריק זיין, אויב איד וועל דאָ צוליב מער קלאָרקייט ברענגען איינעם פון כ׳ לענינס מאַנוסקריפטן וועגן מעלוכע וואָס ער האָט, ווי סע זעט אויס, אָנגעשריבן אין סאָף 1916 י. אָדער אין אָנהויב 1917 (ביז דער פעווראַל=רעוואָליוציע פון 1917 יאָר). פון דעמדאָזיקן מאַנוסקריפט קאָן מען לייכט איינזען, אַז: א) קריטיקירנדיק כ׳ בוכאַרינס האַלב=אַנאַרכיסטישע טאָעסן איבער דער פראַגע וועגן מעלוכע, איז לענין אַרויסגעגאַנגען פון דער

מאַרקסיסטישער טעאָריע פון „צעברעכן" די בורזשואַז־מעלוכישע מאַשין, ב) אַז האַגאַם בוכאַרין איז, לויט לענינס אויסדריק, „נעענטער צום עמעס איידער קאַוטסקי", איז אָבער דאָך „אָנשטאָט צו דעמאַסקירן די קאַוטסקיאַנער, העלפט ער זיי מיט זיינע טאָעסן".
אָט איז דער טעקסט פון דעמדאָזיקן מאַנוסקריפּט:

„אן אומגעהויער גרויסע וויכטיקייט פאר דער פראגע וועגן מעלוכע האָס ענגעלס בריוו צו בעבעלן פין 18/28 III 1875. אָט איז דער סאמע איקערדיקער שטעל אינגאנצן געגומען:

„...די פרייע פאָלקס-מעלוכע איז פארוואנדלט געוואָרן אין, א פרייער מעלוכע. לויטן גראמאטיקאלישן זין פון דידאָזיקע ווערטער איז די פרייע מעלוכע אזא, אין וועלכער די מעלוכע איז פריי בענעגייע צו אירע בירגער, ד. ה. א מעלוכע מיט א דעספּאָטישער רעגירונג. מע וואָלט געדארפט אוועקווארפן אָט די גאנצע פּלוידעריי וועגן מעלוכע, באזונדערס נאָך דער קאָמונע, וועלכע איז שוין ניט געווען קיין מעלוכע אין איינגנטלעכן זין. מיט דער „פאָלקס-מעלוכע" האָבן די אנארכיסטן אונז געשטאָכן די אויגן מער ווי גענוג, האגאם שוין מארקס ווערק קעגן פּרודאָנען און נאָכדעם דער „קאָמוניסטישער מאניפעסט" זאָגן קלאָר, אז מיטן איינפירן די סאָציאליסטישע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג ווערט די מעלוכע פון זיך אליין אויפגעלייזט און ווערט פארשווונדן. אזוי ווי די מעלוכע איז בלויז אן איבערגאנג-אנשטאלט, וואָס מיט אים קומט אויס צו באנוצן זיך אין קאמף, אין רעוואָלוציע, קעדיי דורך געוואלט צו אונטערדריקן אירע קעגנער, איז ריידן וועגן א פרייער פאָלקס-מעלוכע א פּאָשעטער אומזין: קאָלזמאן דער פּראָלעטאריאט בויטיקט זיך נאָך אין דער מעלוכע, בויטיקט ער זיך אין איר ניט אין די אינטערעסן פון פרייהייט, נאָר אין די אינטערעסן פון אונטערדריקן זיינע קעגנער, און ווען עס ווערט מעגלעך צו ריידן וועגן פרייהייט, דעמאָלט הערט אויף די מעלוכע, אלס אזעלכע, צו עקזיסטירן. מיר וואָלטן דעריבער פּאָרגעלייגט צו שטעלן אומעטום אָנשטאָט דאָס וואָרט מעלוכע דאָס ווערט „געמיינדע", (געמיינוועזען), אן אויסגעצייכנט אלט-דייטשיש וואָרט, וואָס אנטשפּרעכט דעם פראנצויזישן וואָרט „קאָמונע" (ענגעלס קורסיוו).

דאָס איז עפשער דאָס סאמע מערקווירדיקע און אוואדע דאָס סאמע שארפע אָרט, אזוי צו זאָגן, „קעגן דער מעלוכע" בא מארקסן און ענגעלסן.

(1) „מע דארף אוועקוואַרפן די גאנצע פלוידעריי וועגן מעלוכע״.

(2) „די קאָמונע איז שוין געווען ניט א מעלוכע אין אייגנטלעכן זין״ (נאָר וואָס דען? אן איבערגאנגס-פאָרם פון מעלוכע צו ניט-מעלוכע אפּאָנים!).

(3) די אנארכיסטן האָבן אונז „געשטאָכן די אויגן״ („אין די צענע געוואָרפען״) מיט דער „פאָלקס-מעלוכע״ (מארקס און ענגעלס, הייסט עס, האָבן זיך געשעמט מיט דעמדאָזיקן בעפיירעשן טאָעס פון זייערע דייטשישע כאווירים; אָבער זיי האָבן אים געהאלטן, און פארשטייט זיך, לויט די דעמאָלטיקע אומשטענדן האָבן זיי ריכטיק געהאלטן פאר א לע-פּיערעך ווייניקער וויכטיקערן פעלער, איידער דער פעלער פון די אנאר-כיסטן. דאָס איז נ. ב. !!).

(4) די מעלוכע „צעפאלט פון זיך אליין און ווערט פארשווונדן״... „ווערט אויפגעלייזט״ (נאָטא בענע) (פארגלייך מיטן שפּעטערדיקן: „שטארבט אָפּ״) „מיט דער איינפירונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג״...

(5) די מעלוכע איז א „צייטווייליקער אנשטאלט״, וואָס איז נויטיק „אין קאמף, אין דער רעוואָלוציע״... (נויטיק דעם פּראָלעטאריאט, פארשטייט זיך)...

(6) די מעלוכע איז נויטיק ניט צוליב פרייהייט (ווען 7: ס׳וועט זיין פרייהייט, דעמאָלט וועט ניט זיין קיין מעלוכע), נאָר צו אונטערדריקן (?) (נידערהאלטונג באדייט אייגנטלעך ניט אונטערדריקן, נאָר אָפּהאלטן פון רעסטאווראציע, האלטן אין אונטערטעניקייט) די קעגנער פון פּראָלעטאריאט.

(8) „מיר (ד. ה. ענגעלס און מארקס) וואָלטן פאָרגעלייגט „אומעטום״ (אין דער פּראָגראם) צו זאָגן אנשטאָט „מעלוכע״ — „געמיינדע״ (געמיינוועזן) „קאָמונע״ !!!

פון דאנען איז צו זען, ווי אזוי עס האָבן פארוואולגאריזירט, פארום-רייניקט מארקסן און ענגעלסן ניט בלויז די אָפּאָרטוניסטן, נאָר אויך קאוטסקי.

די אָפּאָרטוניסטן האָבן קיין איינעם פון דידאָזיקע 8 רייכסטע געדאנ-קען ניט פארשטאנען !!

זיי האָבן גענומען בלויז די פּראקטישע באדערפעניש פון דער געגנ-ווארט: אויסצונוצן דעם פּאָליטישן קאמף, אויסצונוצן די מאָדערנע מעלוכע אף צו לערנען, אף צו דערציען דעם פּראָלעטאריאט אף „ארויס-צורייסן האנאָכעס״. דאָס איז ריכטיק (קעגן די אנארכיסטן), אָבער דאָס איז נאָך בלויז א 1/100 מארקסיזם, צויב מע קאָן זיך אזוי אריפמעטיש אויסדריקן.

קאוטסקי האָט אינגאנצן פארטושירט (אָדער פארגעסן? אָדער ניט פאַרשטאנען?) אין זיין פּראָפּאַגאנדיסטישער און ביכלאל פּובליציסטישער אַרבעט די פּאראגראפן 1, 2, 5, 6, 7, 8, און מארקס „צעברעכן” (אין דער פּאָלעמיק מיט פּאנעקוקן אין די יאָרן 1912 אָדער 1913 האָט קױטסקי (זע ווייטער, זייט 45—47) * שוין אינגאנצן זיך ארויסגעקייקלט אין אָפּאָרטוניזם אין דערדאָזיקער פראגע)...

פון די אנארכיסטן אונטערשיידט אונז (א) דאָס אויסנוצן די מעלוכע איצט און (ב) בעאייס דער רעוואָלוציע פון פּראָלעטאריאט („די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאריאט”) — פּונקטן וואָס זיינען די וויכטיקסטע פאר דער פּראקטיק שוין. (זיי טאקע האָט בוכארין פארגעסן!).

פון די אָפּאָרטונסטן — די מער טיפערע, „מער אייביקע” עמעסן וועגן (אא) דעם „צייטווייליקן” כאראקטער פון דער מעלוכע, וועגן (בב) דעם שאָדן פון דער „פּלוידעריי” מיקויעך אים איצט, וועגן (גג) דעם ניט גאָר מעלוכישן כאראקטער פון דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט, (דד) וועגן דעם ווידערשפּרוך פון מעלוכע און פרייהייט (הה) וועגן דער מער ריכטיקער אידייע (וועגן באגריף, וועגן פּראָגראם-טערמין) „געמיינדע” אַנשטאָט מעלוכע (וו), וועגן „צעקלאפּן” (צערברעכן) די ביוראָקראטיש-מיליטערישע מאשין. מע דארף דערצו ניט פארגעסן, אז די דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט לייקענען אָפּ די אָפּענע אָפּאָרטוניסטן פון דייטשלאנד (בערנשטיין, קאָלב א. א. וו.) דירעקט, און די אָפּ ציעלע פּראָגראם און קאוטסקי — אומדירעקט, שווייגנדיק וועגן איר אין דער אלטעגלעכער אגיטאציע און דולדנדיק די רענעגאטישקייט פון די קאָלבס און קאָמפּ.

בוכארינען איז געשריבן געוואָרן אין אווגוסט 1916: „לאָז רייף ווערן דיינע געדאנקען וועגן מעלוכע”. ער אָבער, ניט לאָזנדיק זיי רייף ווערן, האָט זיך אוועקגעלאָזן אין דער פּרעסע, אלס „נאָטא בענע” און האָט דאָס געטאָן אזוי, אז אנשטאָט צו דעמאסקירן די קאוטסקיאנער האָט ער זיי געהאָלפן מט זיינע טאָעסן!! אָבער, אין טאָך גענומען איז בוכארין נעענטער צום עמעס איידער קאוטסקי”. (נ. לענין).

אָט דאָס איז די קורצע געשיכטע פון דעם טעאָרעטישן שטרייט איבער דער פראַגע וועגן מעלוכע. דוכט זיך, אַ קלאָרע זאַך: בוכאַרין האָט געמאַכט האַלב־אַנאַרכיסטישע טאָעסן, — איז צייט צו פאַריכטן דידאָזיקע טאָעסן און ווייטער אַוועקגיין נאָך לעגינען.

* באמערקונג פון דער רעדאקציע. די ציטאטע באַציט זיך צו לענינס מאנוסקר פּט „דער מארקסיזם וועגן מעלוכע”, פון וואנען דאָס ציטירטע אָרט איז ארויסגענומען געוואָרן.

אָבער אַזוי קאָנען טראַכטן בלויז לעגינצעס. בוכאַרין, ווייזט זיך אַרויס, איז דערמיט ניט מסכּים. ער מיינט, פאַרקערט, אַז געמאַכט אַ טעות האָט ניט ער, נאָר לעגין, אַז ניט ער איז אַוועק אָדער דאַרף גיין נאָך לעגינען, נאָר פאַרקערט, — לעגין איז געצוווּנגען צו גיין נאָך בוכאַרינען. איר גלויבט ניט, כאַווײרים? איז הערט אויב אַזוי ווייטער. נאָך דידאָזיקע שטרייטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין 1916 יאָר, אין 9 יאָר אַרום נאָך דעם, וואָס אין פאַרלויף פון זיי האָט כ׳ בוכאַרין געשוויגן, אין אַ יאָר אַרום נאָך לעגינס טויט, נעמלעך אין 1925 יאָר, דרוקט כ׳ בוכאַרין אינעם זאַמל־בוך „רעוואָליוציא פּראַוואַ“ אַן אַרטיקל „צו דער טעאָריע פון דער אימפּעריאַליסטישער מעלוכע“, וואָס די רעדאַקציע פון „סבאָרניק סאָציאַלדעמאָקראַטאַ“ (ד. ה. לעגין) האָט בעשאַיטוי ניט אָנגענומען צום דרוקן און אין דער אָנמערקונג צו אים דערקלערט ער פּאָשעט, אַז אין דערדאָזיקער פראַגע איז געווען גערעכט ניט לעגין, נאָר ער, בוכאַרין. דאָס קאָן זיך אויסדוכטן אומגלויבלעך, אָבער דאָס איז אַ פאַקט, כאַווײרים.

הערט דעם טעקסט פון דערדאָזיקער אָנמערקונג:

„קעגן דעם ארטיקל אין „אינטערנאציאָנאל מאָלאָדיאָזשי“ איז ארויסגעטראָטן מיט א נאָטיץ וו. אי. (ד. ה, לעגין). די לייענער וועלן לייכט דערזעען, אז בא מיר איז ניט געווען דער טאָעס, וואָס מע האָט מיר צוגעשריבן, ווייל איך האָב דייטלעך געזעען די נויטיקייט פון דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט; פון דער אנדערער זייט, איז פון איליטש נאָטיץ צו זען, אז ער האָט זיך דעמאָלט ניט ריכטיק באצויגן צו דער האנאָכע וועגן אויפרייסן די מעלוכע (פארשטייט זיך, די בורזשואזע), צונויפמישנדיק דידאָזיקע פראגע מיט דער פראגע וועגן דער אָפּשטארבונג פון דער דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאט (מיין קורסיוו י. סט.). עס קאָן זיין, אז איך וואָלט דעמאָלט געדארפט מער אנטוויקלען די טעמע וועגן דער דיקטאטור. נאָר אלס בארעכטיקונג קאָן איך זאָגן אז דעמאָלט האָבן אלע סאָציאלדעמאָקראטן פון דעם ערשטן ביזן לעצטן אזוי באזונגען די בורזשואזע מעלוכע, אז עס איז נאטירלעך געווען צו קאָנצענטרירן די גאנצע אופמערקזאמקייט אף דער פראגע וועגן אויפרייסן דידאָזיקע מאשין,

> ווען איך בין געקומען צופאָרן פון אמעריקע אין רוסלאנד און האָב דערזעען נאדיעזשדע קאָנסטאנטינאָוונע (דאָס איז געווען אף אונזער אומלעגאלן 6-טן צוזאמענפאָר און אין יענער צייט האָט זיך וו. אי. אויסבאהאלטן), זיינען אירע ערשטע ווערטער געווען אָט די ווערטער: „וו. אי. האָט געבעטן אייך איבערגעבן, אז אין דער פראגע וועגן מעלוכע איז בא אים איצטער ניטאָ קיין כעלוקעדייעס מיט אייך". פארנעמענדיק זיך מיט דער פראגע, איז איליאיטש געקומען צו דיזעלבע אויספירן (מיין קורסיוו. י. סט.) וועגן „אופרייס", נאָר ער האָט אנטוויקלט דידאָזיקע טעמע און נאָכדעם אויך די לערע וועגן דער דיקטאטור אף אזויפיל, אז ער האָט געמאכט א גאנצע עפּאָכע אין דער אנטוויקלונג פונעם טעאָרעטישן געדאנק אין דערדאָזיקער ריכטונג". („רעוואָליוציא פראווא", זאמלבוך 1, אויסגאבע פון דער קאָמוניסטישער אקאדעמיע, 1925, זייט 5).

אַזוי שרײַבט וועגן לעני‌נען דער כ' בוכאַרין אין אַ יאָר אַרום נאָך לעני‌נס טויט.

אָט איז אײַך אַ מוסטער פון איבערגעטריבענער פּרעטענציעזקייט פון אַ ניט דערלערנטן טעאָרעטיקער!

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז נאַדיעזשדע קאָנסטאַנטינאָוונע האָט ווירקלעך געזאָגט דעם כ' בוכאַרין דאָס, וועגן וואָס כ' בוכאַרין שרײַבט דאָ, אָבער וואָס זשע איז דערפון געדרונגען? דערפון איז געדרונגען בלויז איין זאַך, אַז בײַ לעני‌נען איז געווען אַ געוויסער גרונט צו מיינען, אַז כ' בוכאַרין האָט זיך אָפּגעזאָגט, אָדער איז גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון זײַנע פעלערן. אָט דאָס גאָר. אָבער כ' בוכאַרין האָט אַנדערש אויסגערעכנט. ער האָט באַשלאָסן, אַז פון הײַנט אָן דאַרף אַלס שעפער אָדער יעדנפאַלס אַלס באַגײַסטערער פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע וועגן מעלוכע זיך רעכענען ניט לענין, נאָר ער, דער כ' בוכאַרין.

ביז איצט האָבן מיר זיך געהאַלטן און האַלטן זיך נאָך פאַר לעני‌נצעס. איצט אָבער ווײַזט זיך אַרויס, אַז לענין און מיר זײַנען זײַנע שילער, זײַנען בוכאַרינצעס. ס'איז לעכערלעך אַביסל, כאַווײרים. אָבער וואָס איז צו מאַכן, ווען עס קומט אויס האָבן צו טאָן מיט כ' בוכאַרינס אויפגעבלאָזענער פּרעטענציעזקייט.

מע קאָן מיינען, אַז כ׳ בוכאַרין האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט אין זיין אָנמערקונג צו דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל, אַז ער האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט און האָט נאָכדעם וועגן איר פאַרגעסן. אָבער דאָס ווייזט זיך אַרויס ניט ריכטיק: כ׳ בוכאַרין, ווייזט זיך אַרויס, האָט גערעדט גאַנץ ערנסט. דאָס איז צו זעען אַפילע דערפון, וואָס כ׳ בוכאַרינס דערקלערונג וועגן לענינס *טאָעסן* און בוכאַרינס *גערעכטיקייט*, וואָס ער האָט געמאַכט אין דערדאָזיקער אָנמערקונג, איז ווידעראַמאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָט דאָ ניט לאַנג, נעמלעך אין 1927 יאָר, ד. ה. אין צוויי יאָר אַרום נאָך דעם כ׳ בוכאַרינס ערשטער אַרויסטרעטונג קעגן לענינען, אין כ׳ מאַרעצקיס ביאָגראַפישן עסקיז וועגן בוכאַרינען (זע „די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע“) דערביי האָט כ בוכאַרין אַפילע ניט אַ טראַכט געטאָן צו פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ... געוואַגטקייט פונעם כ׳ מאַרעצקי. עס איז קלאָר, אַז כ׳ בוכאַרינס אַרויסטרעטונג קעגן לענינען קאָן מען ניט רעכענען פאַר אַ צופעליקער.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז גערעכט איז בוכאַרין, אָבער ניט לענין, אַז דער באַגייסטערער פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע וועגן מעלוכע איז ניט לענין, נאָר בוכאַרין.

אָט אַזאַ, כאַווײרים, איז דאָס בילד פון כ׳ בוכאַרינס טעאָרעטישע שטרויכלונגען און טעאָרעטישע פּרעטענזיעס.

און דערדאָזיקער מענטש האָט די העזע נאָך דעם אַלעמען צו זאָגן דאָ אין זיין רעדע, אַז אין דער טעאָרעטישער ציל-איינשטעלונג פון אונדזער פּאַרטיי „איז עפּעס פאַרפוילט“, אַז אין דער טעאָרעטישער ציל-איינשטעלונג פון אונדזער פּאַרטיי איז פאַראַן אַן אָפּנויג פון טראָצקיזם. און דאָס זאָגט דערזועלבער כ׳ בוכאַרין, וואָס מאַכט (און האָט געמאַכט אין דער פאַרגאַנגענהייט) אַ ריי זייער גראָבע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פעלערן, וואָס איז נאָך אַנומלט געווען אַ טאַלמיד בײַ טראָצקין, וואָס האָט נאָך נעכטן געזוכט אַ בלאָק מיט די טראָצקיסטן קעגן די לענינצעס און איז געלאָפן צו זיי פון דער הינטער-טיר! צי איז דען ניט לעכערלעך, כאַווײרים?

## ז) פֿינפֿיאָריקער פּלאַן אָדער צוויייאָריקער פּלאַן.

דערלויבט אַצינד אַריבערגיין צום כ׳ ריקאַווס רעדע. אויב כ׳ בוכאַרין האָט זיך געפּרוּווט געבן אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פֿונעם רעכטן אָפּנויג, סטאַרעט זיך כ׳ ריקאָוו אין זיין רעדע אונטערצופֿירן אונטער דערדאָזיקער זאַך אַ באַזע פֿאַר פּראַקטישע פֿאָרשלאָגן, און יאָגט אַף אונז אָן אַ מוירע מיט די „שרעקן“ פֿאַר אונדזערע שוועריקייטן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. דאָס הייסט ניט, אַז כ׳ ריקאָוו האָט ניט באַרירט די טעאָרעטישע פֿראַגן. ניין, ער האָט זיי באַרירט. נאָר באַרירנדיק זיי, האָט ער געמאַכט לעכאָלאַפּאָכעם צוויי ערגסטע פֿעלערן.

אין זיין פּראָיעקט פֿונעם 5-יאָריקן פּלאַן, וואָס די קאָמיסיע פֿון פּאָליט-ביוראָ האָט אָפּגעוואָרפֿן, זאָגט כ׳ ריקאָוו, אַז „די צענטראַלע אידייע פֿונעם 5-יאָריקן פּלאַן באַשטייט אינעם וווּקס פֿון דער פּראָדוקטיווקייט פֿון דער פֿאָלקס-אַרבעט“. ניט געקוקט דערוף, וואָס די קאָמיסיע פֿון דער פּאָליט-ביוראָ האָט אָפּגעוואָרפֿן די דאָזיקע אַבסאָליוט ניט-ריכטיקע ציל-איינשטעלונג, האָט כ׳ ריקאָוו זי פֿאַרטיידיקט דאָ אין זיין רעדע. צי איז ריכטיק, אַז די צענטראַלע אידייע פֿונעם 5-יאָריקן פּלאַן אינעם *ראַטן-לאַנד* איז דער וווּקס פֿון דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקייט? ניין, ניט ריכטיק. פֿאַר אונדז איז דאָך נייטיק ניט *יעטווידער* וווּקס פֿון דער פּראָדוקטיווקייט פֿון דער פֿאָלקס-אַרבעט. אונדז איז נייטיק אַ *באַשטימטער* וווּקס פֿון דער פּראָדוקטיווקייט פֿון דער פֿאָלקס-אַרבעט, געמלעך, אַזאַ וווּקס, וואָס זאָל זיכערן *די סיסטעמאַטישע איבערוואָג פֿונעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר פֿון דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט איבערן קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר*. אָט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, כאַווירים. דער 5-יאָריקער פּלאַן, וואָס פֿאַרגעסט וועגן דערדאָזיקער צענטראַלער אידייע איז ניט קיין 5-יאָריקער פּלאַן, נאָר אַ 5-יאָריקער אַבסורד. אינעם וווּקס פֿון דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקייט ביכלאַל איז פֿאַרינטערעסירט יעטווידער געזעלשאַפֿט, אי די קאַפּיטאַ-

ליסטישע אי די פאַרקאַפּיטאַליסטישע. דער אונטערשייד פון דער
ס אָ ו ו ע ט י ש ע ר  געזעלשאַפט פון יעטווידער אַנדער געזעלשאַפט
באַשטייט גראָד דערין, וואָס זי איז פאַרינטערעסירט ניט אין יעט=
ווידער וווּקס פון דער אַרבעט=פּראָדוקטיווקייט, נאָר אין אַזאַ וווּקס,
וואָס זיכערט די איבערוואָג פון די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפטס=
פאָרמען איבער אַנדערע פאָרמען און קוידעמקאָל איבער די קאַפּי=
טאַליסטישע ווירטשאַפט=פאָרמען, וואָס זיכערט, אַזוי אַרום,
דאָס בייקומען און אַרויסשטופּן די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט=
פאָרמען. און כ' ריקאָוו האָט פאַרגעסן וועגן דערדאָזיקער ווירקלעך=
צענטראַלער אידייע פונעם 5=יאָריקן אַנטוויקלונגס=פּלאַן פון דער
ס אָ ו ו ע ט י ש ע ר  געזעלשאַפט. דערין איז זיין ערשטער טעאָרע=
טישער פעלער.

זיין צווייטער פעלער באַשטייט אין דעם, וואָס ער מאַכט ניט
קיין אונטערשייד, אָדער ער וויל ניט פאַרשטיין דעם אונטערשייד
פונעם שטאַנדפּונקט פון סכוירעס=אומזאַץ צווישן, לאָמיר זאָגן,
דעם קאָלווירט און צווישן יעטווידער אינדיווידועלער ווירטשאַפט
דערין אויך אינדיווידועלער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. כ' רי=
קאָוו פאַרזיכערט, אַז פונעם שטאַנדפּונקט פון סכוירעס=אומזאַץ
אַפן ברויט=מאַרק, פונעם שטאַנדפּונקט צו באַקומען ברויט זעט
ער ניט קיין בילעק צווישן קאָלווירט און דעם פּריוואַטן ברויט=
באַזיצער, אים, הייסט עס, איז אַלציינס צי קויפן מיר ברויט באַם
קאָלווירט, באַם פּריוואַטן באַזיצער אָדער באַ וועלכן ניט איז אַר=
גענטינער ברויט=אויפקויפער. דאָס איז ניט ריכטיק, כאַווירים. דאָס
איז אַבסאָליוט ניט ריכטיק. דאָס איז אַן איבערכאַזערונג פון
כ' פרומקינס באַוווּסטער דערקלערונג, וואָס האָט אַמאָל געהאַט
פאַרזיכערט, אַז אים איז אַלציינס ווו צו קויפן און באַ וועמען צו
קויפן ברויט: באַם פּריוואַטניק אָדער באַם קאָלווירט. דאָס איז אַ
פאַרמאַסקירטע פאָרם פון פאַרטיידיקן, רעאַביליטירן, און באַ=
רעכטיקן די באַלעגופּישע מאַכינאַציעס אַפן ברויט=מאַרק. דער
פאַקט, וואָס דידאָזיקע פאַרטיידיקונג ווערט געפירט פון שטאַנד=
פּונקט פון סכוירעס=אומזאַץ, — דערדאָזיקער פאַקט ענדערט ניט

די זאַך אין דעם פּראָט, אַז זי איז דאָך אַ באַרעכטיקונג פון די באַלעגופישע מאַכינאַציעס אַפן ברויט-מאַרק. אויב עס איז ניטאָ קיין בילעק פונעם שטאַנדפונקט פון סכוירע-אומזאַץ צווישן דער קאָלעקטיווער און ניט-קאָלעקטיווערווירטשאַפט-פאָרם, איז צי לוינט דעמאָלט צו אַנטוויקלען די קאָלווירטן, צי לוינט זיי צו געבן לגאָטעם, צי לוינט זיך פאַרנעמען מיט דער שווערער אויפגאַבע ביי-צוקומען די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דער לאַנדווירטשאַפט? עס איז קלאָר, אַז כ' ריקאָוו האָט גענומען אַ ניט ריכטיקע ציל-איינשטעלונג. דערין איז זיין צווייטער טעאָרעטישער טאָעס.

אָבער דאָס איז אַגעוורכע. לאָמיר אַריבערגיין צו די פּראַקטישע פראַגן, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אינעם כ' ריקאָווס רעדע.

כ' ריקאָוו האָט דאָ געטיינעט, אז כוצן 5-יאָריקן פּלאַן, איז נאָך נייטיק אַן אַנדערער, אַ פּאַראַלעלער פּלאַן, נעמלעך, אַ 2-יאָריקער אַנטוויקלונג-פּלאַן פון דער לאַנדווירטשאַפט. ער האָט באַגרינדעט דעמדאָזיקן פאָרשלאַג וועגן דעם פּאַראַלעלן 2-יאָריקן פּלאַן מיט די שוועריקייטן אין דער לאַנדווירטשאַפט. ער האָט געזאָגט: דער 5 יאָריקער פּלאַן איז אַ גוטע זאַך און ער איז פאַר אים, נאָר אויב מיר וועלן גלייכצייטיק געבן אַ 2-יאָריקן פּלאַן פון דער לאַנד-ווירטשאַפט, וועט זיין נאָך בעסער, — אין קעגנפאַל וועט מיט דער לאַנדווירטשאַפט האַלטן שמאָל. פון אויבנוף איז אין דעמדאָזיקן פאָרשלאַג דוכט זיך קיין שום שלעכטס ניטאָ, אָבער אויב מע זאָל זיך אַריינטראַכטן טיפער, וועלן מיר זען, אַז דער 2-יאָריקער פּלאַן פון דער לאַנדווירטשאַפט איז צוגעטראַכט, קעדיי אונטערצושטרייכן דעם ניט-רעאַלן פּאַפּירענעם כאַראַקטער פונעם פינפיאָריקן-פּלאַן און פאַרקערט. צי האָבן מיר געקאָנט דערמיט מאַסקים זיין? קלאָר, אַז מיר האָבן ניט געקאָנט. מיר האָבן געזאָגט דעם כ' ריקאָוו: אויב איר זייט אומצופרידן מיטן פינפיאָריקן-פּלאַן לויט דער ליניע פון דער לאַנדווירטשאַפט, אויב איר האַלט פאַר ניט גענוג די אַסיגנירונגען, וואָס ווערן געגעבן לויטן 5-יאָריקן פּלאַן אַף דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, טאָ זאָגט אָפן וועגן אייערע צונאָב-פאָרשלאָגן, וועגן אייערע צוגאָב-אינעוועסטיציעס, — מיר זיינען

מאַסקים אַריינצוטראָגן אינעם 5=יאָריקן פּלאַן דידאָזיקע צוגאָב=
אינוועסטיציעס אַף דער לאַנדווירטשאַפט. איז וואָס לאָזט זיך אויס?
עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז באַם כ׳ ריקאָוו זיינען ניטאָ קיין שום
צוגאָב=פאָרשלאָגן .וועגן צוגאָב=אינוועסטיציעס פאַר דער לאַנד=
ווירטשאַפט. פרעגט זיך צו וואָס דאַרף מען דעמאָלט אַ פּאַראַלעלן
2=יאָריקן פּלאַן פון דער לאַנדווירטשאַפט? מיר האָבן אים געזאָגט
ווייטער: כוץ דעם 5=יאָריקן פּלאַן איז נאָך פאַראַן יערלעכע פּלענער,
וואָס זיינען אַ טייל פונעם 5=יאָריקן פּלאַן, — לאָמיר אַריינטראָגן
אין די יערלעכע פּלענער פון די ערשטע צוויי יאָר יענע קאָנקרעטע
צוגאָב=פאָרשלאגן לויט דער ליניע פון אופהויבן די לאַנדווירט=
שאַפט, וועלכע זיינען פאַראַן בא אייך, אויב זיי זיינען ביכלאַל פאַ=
ראַן באַם כ׳ ריקאָוו. איז וואָס=זשע לאָזט זיך אויס? לאָזט זיך אויס,
אַז אַזוינע קאָנקרעטע פּלענער פון צוגאָב=אַסיגנירונגען האָט ניט
דער כ׳ ריקאָוו וואָס פאָרצולייגן. מיר האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען,
אַז מיטן כ׳ ריקאָווס פאָרשלאג וועגן דעם 2=יאָריקן פּלאַן מיינט מען
ניט דעם אופשטייג פון דער לאַנדווירטשאַפט, נאָר דעם ווונטש אונ=
טערצושטרייכן דעם ניט רעאלן פּאַפּירענעם כאַראַקטער פונעם
פינפיאָריקן פּלאַן, דעם ווונטש צו אַנטקרויגען דעם פינפיאָריקן
פּלאַן. פאַר דער „נעשאָמע“, לעפּאָנעם=וועגן, — איז דער פינפיאָר=
פּלאַן, פאַר דער זאַך, פאַר פּראַקטישער אַרבעט —איז דער 2=יאָ=
ריקער פּלאַן, — אָט וואָס פאַר אַ סטראַטעגיע עס האָט זיך באַקו=
מען באַם כ׳ ריקאָוו. דער 2=יאָריקער פּלאַן איז אַרויסגעטראָטן
באַם כ׳ ריקאָוו אַף דער אַרענע קעדיי נאָכדעם אינעם גאַנג פונעם
פּראַקטישן פאַרווירקלעכן דעם 5=יאָריקן פּלאַן אַנטקעגנצושטעלן
קעגן דעם פינפיאָר=פּלאַן דעם 2=יאָריקן פּלאַן, איבערצובויען דעם
פינפיאָר=פּלאַן און צופּאַסן אים צום 2=יאָריקן פּלאַן, פאַרקירצנדיק
און אַרומפּליקנדיק די אַסיגנירונגען אַף דער אינדוסטריע.

אָט צוליב וואָסערע טײַמים מיר האָבן אָפּגעוואָרפן כ׳ ריקאָווס
פאָרשלאג וועגן דעם 2=יאָריקן פּאַראַלעלן פּלאַן.

## ט) די פראגע וועגן די פארזיי-שעטעכן

כ׳ ריקאָוו האָט דאָ געשראָקן די פאַרטיי, פאַרזיכערנדיק, אַז די פאַרזיי-שעטעכן אין פסס״ר האָבן אַ טענדענץ סיסטעמאַטיש צו פאַרקלענערן זיך. דערביי האָט ער געוווּנקען אין דער זייט פון דער פאַרטיי, געבנדיק אָנצוהערן, אַז אין דער פאַרקלענערונג פון די פאַרזיי-שעטעכן איז שולדיק די פאַרטיי-פּאָליטיק. ער האָט אָפן ניט געזאָגט, אַז עס גייט באַ אונדז צו דעגראַדאַציע. אָבער דער איינדרוק פון זיין רעדע באַקומט זיך אַזאַ, אַז מיר האָבן פאַר זיך עפּעס אַ מין דעגראַדאַציע. צי איז ריכטיק, אַז די פאַרזיי-שעטעכן האָבן אַ טענדענץ צו סיסטעמאַטישער פאַרקלענערונג? ניין, ניט ריכטיק. כ׳ ריקאָוו האָט דאָ אָפּערירט מיט דורכשניטלעכע צאָלן וועגן די פאַרזיי-שעטעכן אין לאַנד. אָבער דער מעטאָד פון דורכשניטלעכע צאָלן, וואָס איז ניט קאָרעקטירט געוואָרן מיט די ציפערן לויט די ראַיאָנען איז ניט קיין וויסנשאַפטלעכער מעטאָד. עפּשער האָט כ׳ ריקאָוו געלייענט ווען עס איז לענינס „אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם“. אויב ער האָט געלייענט, דאַרף ער געדענקען, וויאַזוי לענין זידלט דאָרט די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, וואָס באַנוצן זיך מיטן מעטאָד פון דורכשניטלעכע צאָלן וועגן דעם וווּקס פון די פאַרזיי-שעטעכן און וואָס איגנאָרירן די ציפערן לויט די ראַיאָנען. עס איז מאָדנע, וואָס כ׳ ריקאָוו כאַזערט אַצינד איבער די פעלערן פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן. איז אָט, אויב מע זאָל באַטראַכטן די באַוועגונג פון די פאַרזיי-שעטעכן לויט די ראַיאָנען, ד. ה. אויב מע זאָל צוגיין צו דער זאַך אַף אַ וויסנשאַפטלעכן אויפן, קומט אויס, אַז אין איינע ראַיאָנען וואַקסן די פאַרזיי-שעטעכן *סיסטעמאַטיש*, אין אַנדערע — פאַלן זיי *צומאָלם*, אָפּהענגיק דעריקער פון די מעטעאָראָלאָגישע באַדינגונגען, דערביי זיינען ניטאָ אַזוינע אָנגאַבן, וואָס זאָלן באַווייזן, אַז מיר האָבן ווו עס איז, זאָל זיין אַפילע אין איינעם פון די ערנסטע ברויט-ראַיאָנען אַ *סיסטעמאַטישע* פאַרקלענערונג פון פאַרזיי-שעטעכן.

אין דער ווירקלעכקייט איז די פאַרזיי-שעטעכן אין די ראַיאָנען,

וואָס זיינען פאַרכאַפּט פון די פּרעסטלער, אָדער פון דער טריקעניש,
לעמאָשל, אין אייניקע געגנטן פון אוקריינע, באַווייזן די לעצטע צייט
אַ פאַרקלענערונג.

**אַשטים.** — ניט גאַנץ אוקריינע.

**שליכטער.** — אין אוקריינע זיינען די פאַרזיי=שעטאַכן אויס=
געוואַקסן אַף 2,7 פּראָצ.

**סטאַלין.** — איך האָב אין זינען דעם סטעפּ=פּאַס פון או=
קריינע. אָבער אָט אין אַנדערע ראַיאָנען, לאָמיר זאָגן אין סיביר,
אין וואָלגער געגנט, אין קאַזאַקסטאַן און באַשקיריע, וואָס די אומ=
גינסטיקע קלימאַטישע באַדינגונגען האָבן זיי ניט אָנגערירט, וואַקסן
סיסטעמאַטיש די פאַרזיי=שעטעכן. מיט וואָס זאָל מען דערקלערן,
וואָס אין איינע ראַיאָנען וואַקסן די פאַרזיי=שעטעכן סיסטעמאַטיש
און אין אַנדערע — פאַרקלערן זיי זיך צומאָל? מע קאָן דאָך אין
דער עמעסן ניט באַהויפּטן, אַז די פּאַרטיי=פּאָליטיק אין אוקריינע
איז איינע און אין מיזרעך אָדער אין צענטער פון ראַטנפאַרבאַנד —
אַן אַנדערע. דאָס איז דאָך אַן אַבסורד, כאַוויירים. עס איז קלאָר,
אַז די קלימאַטישע באַדינגונגען האָבן דאָ אַ ניט ווייניקער וויכ=
טיקע באַדייטונג.

עס איז ריכטיק, אַז די באַלעגופים פאַרקלענערן די פאַרזיי=
שעטעכן אומאָפּהענגיק פון די קלימאַטישע באַדינגונגען. דערין איז
עפּשער „שולדיק“ די פּאַרטיי=פּאָליטיק, וואָס באַשטייט אין אונ=
טערשטיצן די אָרעם= און .מיטל=פויערשע מאַסן **קעגן** די באַ=
לעגופים. אָבער וואָס איז דערפון געדרונגען? צי האָבן מיר זיך ווען
עס איז פאַרפליכטעט צו פירן אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָל קאָנען באַ=
פרידיקן אַלע סאָציאַלע גרופּן אין דאָרף, דערין אויך די באַלעגופים?
און ביכלאַל צי קאָנען מיר פירן אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָל באַפרידיקן
אי די עקספּלואַטאַטאָרן אי די עקספּלואַטירטע, אויב מיר ווילן ביכ=
לאַל פירן אַ מאַרקסיסטישע פּאָליטיק? וואָס איז דאָ פאַראַן אַזויגס
באַזונדערס, אויב אַלס רעזולטאַט פון אונדזער לענינשער פּאָליטיק,
וואָס איז אויסגערעכנט אַף באַגרענעצן און בייקומען די קאַפּיטאַ=
ליסטישע עלעמענטן אין דאָרף, הויבן אָן די באַלעגופים טיילוויז

פאַרקלענערן זייערע פאַרזייונגען? צי קאָן דען זיין אַנדערש? עפּשער איז דידאָזיקע פּאָליטיק ניט קיין ריכטיקע — זאָל מען אונדז וועגן דעם זאָגן אָפן. צי איז דען ניט מאָדנע, וואָס מענטשן, וועלכע רופן זיך אָן מאַרקסיסטן, סטאַרען זיך פון שרעק אַרויסגעבן דאָס, וואָס די באַלעגופים פאַרקלענערן טיילווייז די פאַרזייונגען, פאַר אַ באַווייז, אַז די פאַרזיי-שעטעכן פאַרקלענערן זיך ביכלאַל און פאַרגעסן, אַז כויץ די באַלעגופים עקזיסטירן נאָך אָרעמפויערים און מיטל-פויערים, וואָס זייערע פאַרזייונגען ווערן פאַרברייטערט, אַז עס עקזיסטירן קאָלווירטן און ראַטווירטן, וואָס זייערע פאַרזייונגען וואַקסן מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפּ.

ענדלעך, נאָך אַ ניט ריכטיקייט אין כ' ריקאָווס רעדע איבער דער פראַגע וועגן די פאַרזיי-שעטעכן. כ' ריקאָוו האָט זיך דאָ געקלאָגט, אַז ערגעץ-ווו, געמלעך, אין די ערטער, ווו עס זיינען מער ווי אומעטום אַנטוויקלט די קאָלווירטן, הויבט אָן זיך צו פאַרקלענערן דער אָרעם- און מיטל-פויערשער אינדיווידועלער קלין. דאָס איז ריכטיק. אָבער וואָס איז דאָ פאַראַן פאַר אַ בייז? ווי דען אַנדערש, אויב די אָרעם- און מיטל-פויערשע ווירטשאַפטן הויבן אָן צו פאַרלאָזן דעם אינדיווידועלן קלין און גייען אַריבער אַף קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, איז דען ניט קלאָר, אַז די פאַרברייטערונג און פאַרמערונג פון די קאָלווירטן דאַרף ברענגען מיט זיך אַ געוויסע פאַרקלענערונג פון דעם אינדיווידועלן אָרעם- און מיטל-פויערשן קלין? און ווי זשע ווילט איר? אַצינד זייגען באַ די קאָלווירטן פאַראַן העכער 2 מיליאָן העקטאַר ערד. צום סאָף פונעם פינפיאָר-פּלאַן וועלן די קאָלווירטן האָבן העכער 25 מיליאָן העקטאַר. אַף וועמעס כעזשבן וואַקסט דער קאָלווירטישער קלין? אַפן כעזשבן פונעם אינדיווידועלן אָרעם- און מיטל-פויערשן קלין. און ווי ווילט איר, טייערע כאַווערים? וויאַזוי אַנדערש זאָל מען אַריבערפירן די אָרעם- און מיטל-פויערשע ווירטשאַפט אַף די רעלסן פון דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט? צי איז דען ניט קלאָר, אַז דער קאָלווירטישער קלין וועט וואַקסן אין אַ גאַנצער ריי ראַיאָנען אַפן כעזשבן פונעם אינדיווידועלן קלין? עס איז מאָדנע, וואָס די מענטשן ווילן ניט פאַרשטיין דידאָזיקע פּאָשעטע זאַכן.

## י) וועגן די ברויט-פאַרגרייטונגען

וועגן די ברויט-שוועריקייטן האָט מען דאָ אָנגערעדט אַ באַרג באָבע-מעַיסעס. אָבער די הויפּט-מאָמענטן פון אונדזערע קאָניונקטורישע ברויט-שוועריקייטן האָט מען אַרויסגעלאָזן פון אויג. מע האָט פאַרגעסן קוידעמקאָל אַז האַיאָר האָבן מיר אַראָפּגענומען קאָרן און ווייץ — איך רייד וועגן דער ברוטאָ-גערעטעניש — אַף 500—600 מיליאָן פּוד ווייניקער, איידער פאַראַיאָרן. צי האָט זיך דאָס געקאָנט ניט אָפּרופן אַף אונדזערע ברויט-פאַרגרייטונגען? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט זיך ניט געקאָנט ניט אָפּרופן. עפּשער איז דערין שולדיק די פּאָליטיק פון צ״ק? ניין, די פּאָליטיק פון צ״ק האָט דערצו קיין שום שייכעס ניט. דאָס דערקלערט זיך מיט דער ערנסטער אומגערעטעניש אינעם סטעפּ-פּאַס פון אוקריינע (די פּרעסטלעד און די טריקעניש) און מיט דער טיילווייזער אומגערעטעניש אין צפון-קאַווקאַז, אין דער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט, ענגלעד, אין דער צפון-מיירעווודיקער געגנט. דערמיט, הויפּטזעכלעד, דערקלערט זיך טאַקע, וואָס פאַראַיאָרן האָבן מיר ביזן 1-טן אַפּרעל פאַרגרייט ברויט אין אוקראַינע (קאָרן און ווייץ) 200 מיליאָן פּוד און האַיאָר — סאַכאַקל בלויז 26—27 מיליאָן פּוד. און דערמיט דאַרף מען אויך דערקלערן דאָס, וואָס די פאַרגרייטונגען פון ווייץ און קאָרן אין דער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט זיינען געפאַלן קימאַט אין 8 מאָל און אין צפון-קאַווקאַז — אין 4 מאָל. די ברויט-פאַרגרייטונגען אין מיזרעד זיינען האַיאָר אויסגעוואַקסן אין אייניקע ראַיאָנען קימאַט אין צוויי מאָל, אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט דעקן און זיי האָבן ניט געדעקט, פאַרשטייט זיך, דעם סכום ברויט, וואָס מיר האָבן ניט באַקומען אין אוקראַינע, אין צפון-קאַווקאַז און אין דער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז בא נאָרמאַלע גערעטענישן פאַרגרייטן אוקראַינע און צפון-קאַווקאַז העכער אַ העלפט און אַמאָל אויך צוויי דריטל פון דעם גאַנצן ברויט, וואָס ווערט פאַרגרייט אין ראַטנ-

פאַרבאַנד. מאָדנע, וואָס אָט דעם פאַקט האָט אַרויסגעלאָזן פון אויג דער כ׳ ריקאָוו.

ענדלעך, דער צווייטער אומשטאַנד, וואָס איז דער הויפּט־מאָמענט אין אונדזערע קאָניוקטורישע שוועריקייטן אין די ברויט־פאַרגרייטונגען. איך מיין דעם ווידערשטאַנד פון די באַלעגופישע און פאַרמעגלעכע עלעמענטן אין דאָרף קעגן דער פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט אין די ברויט־פאַרגרייטונגען. כ׳ ריקאָוו האָט אויסגעמיטן דעמדאָזיקן אומשטאַנד. אָבער אויסמיידן דאָס, הייסט אויסמיידן דעם איקער אין דעם ברויט־פאַרגרייטונגס־וועזן. וועגן וואָס רעדט די דערפאַרונג פון די ברויט־פאַרגרייטונגען פאַר די לעצטע צוויי יאָר? זי רעדט וועגן דעם, אַז די פאַרמעגלעכע שיכטן פון דאָרף, וואָס האָבן באַ זיך אין די הענט באַדייטנדיקע טוווע־רעשטן און וואָס שפּילן אַפן ברויט־מאַרק אַ קאָמאַנדיר־ראָליע, ווילן אונדז ניט געבן פרייווויליק דעם נויטיקן סכום ברויט פאַר די פּרייזן, וואָס די ראַטנמאַכט האָט באַשטימט. קעדיי צו באַזאָרגן מיט ברויט די שטעט און די אינדוסטריעלע פּונקטן, די רויטע אַרמיי און די ראַיאָנען פון טעכנישע קולטורן דאַרפן מיר האָבן באַ 500 מיליאָן ברויט יערלעך. אין סטיכישן סיידער וועט זיך אונדז איינגעבן צו פאַרגרייטן באַ 300—350 מיליאָן פּוד. די איבעריקע 150 מיליאָן פּוד וועט אויסקומען צו נעמען אין סיידער פון אָרגאַניזירטן דרוק אַף די באַלעגופישע פאַרמעגלעכע שיכטן אין דאָרף. אָט וואָס עס זאָגט אונדז די דערפאַרונג פון די ברויט־פאַרגרייטונגען פאַר די לעצטע צוויי יאָר.

וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דידאָזיקע צוויי יאָר, פון וואַנען נעמען זיך אַזוינע עגדערונגען, פאַרוואָס האָט פריער געהאָלפן דער סטיכישער גאַנג, און איצט האָט עס זיך אַרויסגעוויזן פאַר קנאַפּ? עס איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס די באַלעגופישע און פאַרמעגלעכע עלעמענטן זיינען אויסגעוואַקסן פאַר דידאָזיקע יאָרן. די דריי געראָטענע יאָרן איז פאַר זיי ניט דורכגעגאַנגען אומזיסט, זיי זיינען פעסטער געוואָרן ווירטשאַפטלעך, האָבן אָנגעזאַמלט אַ קאַפּיטאַל און אַצינד קאָנען זיי מאַנעווּרירן אַפן מאַרק, איינהאַלטנדיק באַ זיך

די ברויט=רעשטן, וואַרטנדיק אַף העכערע פרייזן און קערעווענדיק
זיך מיט אַנדערע קולטורן. ברויט איז ניט קיין פּאָשעטע סכוירע.
ברויט איז ניט בוימוואָל, וואָס מע קאָן ניט עסן און וואָס מע קאָן
ניט פאַרקויפן יעדערן. אין אונטערשייד פון בוימוואָל איז ברויט
אין אונדזערע איצטיקע באַדינגונגען אַזאַ סכוירע, וואָס אַלע נעמען
זי און וואָס אָן איר קאָן מען ניט עקזיסטירן. דער באַלעגוף דיס=
קאָנטירט דאָס און האַלט עס איין, אָנשטעקנדיק דערמיט די ברויט=
באַזיצער ביכלאַל. דער באַלעגוף ווייסט, אַז ברויט איז די וואַליוטע
שעבעוואַליוטע. דער באַלעגוף ווייסט, אַז די ברויט=רעשטן זיינען
ניט בלויז אַ מיטל פאַר אים אַף רייך צו ווערן, נאָר אויך אַ מיטל
אַף צו פאַרקנעכטן די אָרעמשאַפט. די ברויט=רעשטן באַם באַלע=
גוף אין די הענט זיינען באַ די איצטיקע באַדינגונגען אַ מיטל פון
ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער פאַרשטאַרקונג פון די באַלעגו=
פישע עלעמענטן. דעריבער איז ווען מיר נעמען דידאָזיקע רעשטן
באַ די באַלעגופים, איז ניט בלויז וואָס מיר פאַרלייכטערן די באַ=
זאָרגונג פון די שטעט און פון דער רויטער אַרמיי מיט ברויט, נאָר
מיר רייסן אויך אַרונטער דעם מיטל פון ווירטשאַפטלעכער און
פּאָליטישער פאַרשטאַרקונג פון די באַלעגופים.

וואָס דאַרף מען טאָן, קעדיי צו באַקומען דידאָזיקע ברויט=
רעשטן? מע דאַרף קוידעמקאָל ליקווידירן די פּסיכאָלאָגיע פון סטי=
כישן גאַנג, אַלס שעדלעכע און געפערלעכע זאַך. מע דאַרף אָ ר ג אַ=
נ י ז י ר ן די ברויט=פאַרגרייטונגען. מע דאַרף מאָביליזירן די אָרעמ=
און מיטל=פּויערשע מאַסן קעגן די באַלעגופים און אָרגאַניזירן זייער
געזעלשאַפטלעכע אונטערשטיצונג פון די מאָסמיטלען פון דער
ראַטנמאַכט אַף צו פאַרשטאַרקן די ברויט=פאַרגרייטונגען. די באַ=
דייטונג פונעם אוראַל=סיבירער מעטאָד פון די ברויט=פאַרגרייטונגען,
וואָס ווערט דורכגעפירט לויטן פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג, באַ=
שטייט טאַקע דעריז, וואָס ער גיט אַ מעגלעכקייט צו מאָביליזירן
די אַרבעטנדיקע שיכטן אין דאָרף קעגן די באַלעגופים, קעדיי צו
פאַרשטאַרקן די ברויט=פאַרגרייטונגען. די דערפאַרונג האָט באַוויזן,

אַז דערדאָזיקער מעטאָד גיט אונדז פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז דידאָזיקע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן באַקומען זיך בײַ אונדז אין צוויי ריכטונגען: ערשטנס, נעמען מיר אַוועק די ברויט־רעשטן בײַ די פאַרמעגלעכע שיכטן פון דאָרף און פאַרלייכטערן דערמיט די באַזאָרגונג פון לאַנד; צווייטנס, מאָביליזירן מיר אין דעמדאָזיקן געביט די אָרעם־ און מיטלפּויערשע מאַסן קעגן די באַלעגופים, מיר קלערן זיי אויף פּאָליטיש און אָרגאַניזירן פון זיי אונדזער מעכטיקע פילמיליאָניקע פּאָליטישע אַרמיי אין דאָרף. אייניקע כאַווערים דיסקאָנטירן ניט דעמדאָזיקן לעצטן אומשטאַנד. אָבער גראָד דערדאָזיקער אומשטאַנד איז איינער פון די וויכטיקע, אויב ניט דער סאַמע וויכטיקסטער רעזולטאַט פון דעם אוראַל־סיבירער מעטאָד פון די ברויטפאַרגרייטונגען. עמעס, דערדאָזיקער מעטאָד פּאָרט זיך אַמאָל צונויף מיט דער אָנווענדונג פון די אויסעראָרדנטלעכע מיטלען קעגן די באַלעגופים, וואָס עס רופט אַרויס קאָמישע יעלאָלעס בײַ די כ"כ. בוכאַרין און ריקאָוו. אָבער וואָס פאַר אַ בייז איז דערין? פאַרוואָס קאָן מען ניט צומאָלס בײַ געוויסע באַדינגונגען אָנווענדן אויסעראָרדנטלעכע מאָססמיטלען קעגן אונדזער קלאַסן־סוינע, קעגן די באַלעגופים? פאַרוואָס מעג מען הונדערטערווייז אַרעסטירן די ספּעקוליאַנטן אין די שטעט און אַרויסשיקן זיי אין טורוכאַנער קאַנט, אָבער בײַ די באַלעגופים, וואָס פּרוּוון זיך נעמען די ראַטנמאַכט פאַרן גאָרגל און פאַרקנעכטן די אָרעמשאַפט, טאָר מען ניט נעמען די ברויט־רעשטן אין סיידער פון געזעלשאַפטלעכן צוואַנג פאַר די פּרייזן, אויף וועלכע די אָרעמפּויערים און מיטלפּויערים גיבן אָפּ אונדזערע פאַרגרייטונגס־אָרגאַניזאַציעס? פונוואַנען איז דאָס געדרונגען? האָט זיך דען אונדזער פּאַרטיי ווען עס איז אַרויסגעזאָגט אין פּרינציפּ קעגן אָנווענדן אויסעראָרדנטלעכע מאָססמיטלען בענעגייע צו די באַלעגופים? די כ"כ ריקאָוו און בוכאַרין זיינען, אַפּאָנעם, אין פּרינציפּ קעגן יעטווידער אָנווענדונג פון אויסעראָרדנטלעכע מאָססמיטלען בענעגייע צו די באַלעגופים. אָבער דאָס איז דאָך אַ בורזשואַז־ליבעראַלע פּאָליטיק. אָבער ניט קיין מאַרקסיסטישע פּאָליטיק, טייערע

כאַוויירים. איר קאָנט ניט ניט וויסן, אַז נאָכן איינפּירן דעם נעפּ
האָט לענין זיך אַרויסגעזאָגט אַפּילע פאַר אומקערן זיך צו דער
פאָליטיק פון די אָרעמפּויערים־ קאָמיטעטן, פאַרשטייט זיך, בא
געוויסע באַדינגונגען, אָבער וואָס איז דען אַזוינס די טיילווייזע אָנ־
ווענדונג פון אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען קעגן די באַלעגופים?
דאָס איז אַפּילע ניט קיין טראָפּן אין יאַם לעגאַבע דער פאָליטיק
פון די אָרעמפּויערים־קאָמיטעטן.

זיי, די אָנהענגער פון כ׳ בוכאַרינס גרופּע, האָפן צו איבערצייגן
דעם קלאַסן־סוינע, אַז ער זאָל זיך פרייוויליק אָפּזאָגן פון זיינע אינ־
טערעסן און זאָל אונדז אָפּגעבן פרייוויליק זיינע ברויט־רעשטן.
זיי האָפן, אַז דער באַלעגוף, וואָס איז אויסגעוואַקסן און וואָס האָט
אַ מעגלעכקייט צו קאָמפּעסירן זיך אַף אַנדערע קולטורן און וואָס
באַהאַלט זיינע ברויט־רעשטן, — זיי האָפן, אַז דערדאָזיקער באַלע־
גוף וועט אונדז געבן זיינע ברויט־רעשטן פרייוויליק אַף אונדזערע
פאַרגרייטונגס־פרייזן. צי זיינען דידאָזיקע כאַוויירים ניט אַראָפּ פון
זינען? צי איז דען ניט קלאָר, אַז זיי פאַרשטייען ניט די מעכאַניק
פון קלאַסנקאַמף, אַז זיי ווייסן ניט וואָס איז דאָס אַזוינס קלאַסן?
אָבער צי איז זיי באַוווסט, וויאַזוי די באַלעגופים איזדעקעווען זיך
איבער אונדזערע טוער און איבער דער ראַטנמאַכט אַף די דאָר־
פישע פאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אַף צו פאַרשטאַרקן
די ברויט־פאַרגרייטונגען? צי ווייסן זיי פון אַזוינע פאַקטן ווען אונד־
זער אַן אַגיטאַטאָר, לעמאָשל, אין קאַזאַקסטאַן, האָט צוויי שאָ
זיך געסטאַרעט איבערצייגן די ברויט־באַזיצער אָפּצוגעבן דאָס ברויט
פאַר דער באַזאָרגונג פון לאַנד, און אַ באַלעגוף איז זיך גאַנץ ברייט־
לעך, מיט אַ פּיפּקע אין מויל אַרויסגעטראָטן און האָט אים גע־
ענטפערט: „און דו גיב אַ טאַנץ, באָכער, דעמאָלט וועל איך דיר
געבן אַ פוד צוויי ברויט“?

שטימען. — פּאַסקודניאַקעס!

סטאַלין, — אָט פרווט איבערצייגן אַזוינע מענטשן. יאָ,
כאַוויירים, אַ קלאַס איז קלאַס. פון דעמדאָזיקן עמעם וועסטו ניט

אַוועקגיין. דער אוראַל־סיבירער מעטאָד איז דערמיט, אייגנטלעך, גוט, וואָס ער פאַרגרינגערט די מעגלעכקייט אופצוהויבן די אָרעם־ און מיטל־פויערשע שיכטן קעגן די באַלעגופים און וואָס ער פאַרגרינגערט די מעגלעכקייט צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די באַלעגופים און צווינגט זיי אָפצוגעבן די ברויט־רעשטן די אָרגאַנען פון דער ראַטנמאַכט.

אַצינד איז אין די רייען פון דער נייער אָפאָזיציע, אין די רייען פון כ׳ בוכאַרינס גרופע דאָס סאַמע מאָדנע וואָרט „איבערבויגן“ אין די ברויט־פאַרגרייטונגען. דאָסדאָזיקע וואָרט איז באַ זיי די גאַנגבאַרסטע סכוירע, ווייל דאָס העלפט זיי פאַרמאַסקירן זייער אייגענע ליניע. ווען זיי ווילן פאַרמאַסקירן זייער ליניע, זאָגן זיי געוויינלעך: מיר זייגען, פאַרשטייט זיך, ניט קעגן מאַכן אַ דרוק אַף די באַלעגופים, נאָר מיר זיינען קעגן די איבערבויגן, וואָס ווערן געמאַכט אין דעמדאָזיקן געביט און וואָס רירן אָן דעם מיטל־פויער. ווייטער גייען מאַיסעס וועגן די שרעקן פון דידאָזיקע איבערבויגן, עס ווערן געלייענט בריוו פון „פויערים“, עס ווערן געלייענט פאַנישע בריוו פון כאַווירים, ווי לעמאָשל, כ׳ מאַרקאָוום און דערנאָך ווערט געמאַכט דער אויספיר: מע דאַרף אָפשאַפן די פאָליטיק פון דרוק אַף די באַלעגופים. ווי געפעלט אייך: *אַזוי ווי* עס זיינען פאַראַן איבערבויגן אינעם דורכפירן די ריכטיקע פאָליטיק, *דאַרף מען*, ווייזט זיך אַרויס, נאָר *אָפשאַפן דידאָזיקע ריכטיקע פאָליטיק*. אָט דאָס איז דער געוויינלעכער גאַנג פון די אָפאָרטוניסטן: אַפן סמאַך פון די איבערבויגן באַם דורכפירן די ריכטיקע ליניע, דאַרף מען אָפשאַפן דידאָזיקע ליניע און פאַרבייטן זי מיט אַן אָפאָרטוניסטישער ליניע. דערביי פאַרשוויגן פלייסיק די כאַוויירים פון כ׳ בוכאַרינס גרופע, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַן אַנדער מין איבערבויגן, אַ מער געפערלעכער און אַ מער שעדלעכער, נעמלעך — די איבערבויגן אין דער ריכטונג פון צונויפוואַקסן זיך מיט די באַלעגופים, אין דער ריכטונג פון צופאַסן זיך צו די פאַרמעגלעכע שיכטן פון דאָרף, אין דער ריכטונג פון

פאַרבייטן די רעוואָליוציאָנערע פאַרטיי=פּאָליטיק מיט דער אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פון די רעכטע אָפּנויגלער.

פאַרשטייט זיך, מיר אַלע זיינען קעגן דידאָזיקע איבערבויגן. מיר אַלע זיינען קעגן דעם, אַז דידאָזיקע קלעפּ, וואָס זיינען געצילט קעגן די באַלעגופים, זאָלן אָנרירן די מיטלפויערים. דאָס איז קלאָר און דערין קאָן ניט זיין קיין שום ספק. אָבער מיר זיינען קאַטעגאָריש קעגן דעם, אַז מיט דער פּלוידעריי וועגן איבערבויגן, וואָס כ׳ בוכאַרינס גרופּע פּראַקטיקירט פּלייסיק, זאָל מען אָפּשאַפן די רעוואָליוציאָנערע פּאָליטיק פון אונדזער פּאַרטיי און מע זאָל זי פאַרבייטן מיט דער אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פון כ׳ בוכאַרינס גרופּע. ניין, כאַווירים, „דערדאָזיקער נומער וועט באַ אייך ניט דורכגיין“.

רופט אָן כאָטש איין פּאָליטיש מאָסמיטל פון דער פּאַרטיי, וואָס זאָל ניט באַגלייט ווערן מיט דעם אָדער יענעם איבערבויג. דערפון איז געדרונגען, אַז מע דאַרף קעמפן מיט די איבערבויגן. אָבער צי קאָן מען דען אַף דעם דאָזיקן גרונט באַטאַדלען די ליניע גופא, וואָס איז די איינציקע ריכטיקע ליניע? לאָמיר נעמען אַזאַ מאָסמיטל, ווי דאָס דורכפירן דעם 7=שאָ:יקן אַרבעטס=טאָג. עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אַז דאָסדאָזיקע מאָסמיטל איז איינס פון די סאַמע רעוואָליוציאָנערע מאָסמיטלען, וואָס אונדזער פּאַרטיי פירט דורך פאַר דער לעצטער צייט. וועמען איז ניט באַוווסט, אַז דאָסדאָזיקע אין טאָד גענומען טיף רעוואָליוציאָנערע מאָסמיטל האַלט אין איין באַגלייט ווערן באַ אונדז מיט אַ גאַנצער ריי איבערבויגן, צומאָלס מיט די סאַמע עקלהאַפטע? צי מיינט דאָס, אַז מיר דאַרפן אָפּשאַפן די פּאָליטיק פון דורכפירן דעם 7=שאָיקן אַרבעטס=טאָג? צי פאַרשטייען די כאַווירים פון דער נייער אָפּאָזיציע אין וואָס פאַר אַ לעכערלעכער לאַגע זיי פאַלן אַריין, ווען זיי שטעלן אַרויס פאַר זייער הויפּט קאָרט די איבערבויגן אין דעם ברויט=פאַרגרייטונגס=וועזן?

# 4. װעגן דעם קאַמף קעגן רעכטן אָפּנויג

מיר האָבן אַף אַזאַ אויפן פאַנאַנדערגעקליבן אַלע הויפּט=פראַגן פון אונדזערע בעלוקעדייעס סײ אין געביט פון טעאָריע, און סײ אין געביט פון דער קאָמינטערנישער און אינערלעכער פּאָליטיק פון אונדזער פּאַרטײ. פון דעם, װאָס איז געזאָגט געװאָרן איז צו זעען, אַז כ׳ ריקאָװס דערקלערונג, אַז בײַ אונדז איז פאַראַן אַ *אײנהײטלעכע* ליניע, אַנטשפּרעכט ניט דער װירקלעכקײט. פון דעם, װאָס איז געזאָגט געװאָרן, איז צו זעען, אַז אין דער װירקלעכקײט זײַנען בײַ אונדז פאַראַן *צװײ* ליניעס. אײן ליניע — דאָס איז די גענעראַלע פּאַרטײ=ליניע, די רעװאָליוציאָנערע לענינשע ליניע פון אונדזער פּאַרטײ, די צװײטע ליניע — דאָס איז די ליניע פון כ׳ בוכאַרינס גרופּע. דידאָזיקע צװײטע ליניע איז נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעפורעמט געװאָרן טײלװײַז דערפאַר, װײַל אין די רײען פון כ׳ בוכאַרינס גרופּע איז פאַראַן אַן אומגעהויערער פּלאָנטער פון אָנשױונגען, טײלװײַז דערפאַר, װײַל זי, דידאָזיקע צװײטע ליניע, װאָס איז אַ שװאַכע לויט איר ספּעציפישן געװיכט אין דער פּאַרטײ, סטאַרעט זיך אַזױ אָדער אַנדערש צו פאַרמאַסקירן זיך. אָבער זי, דידאָזיקע ליניע, עקזיסטירט דאָך, װי איר זעט און זי עקזיסטירט אַלס ליניע, װאָס *אונטערשײדט* זיך פון דער פּאַרטײ=ליניע, אַלס ליניע, װאָס שטעלט זיך *אַנטקעגן* דער גענעראַלער פּאַרטײ=ליניע קימאַט אין אַלע פראַגן פון אונדזער פּאָליטיק. דידאָזיקע צװײטע ליניע איז, אין גרונט גענומען, די ליניע פונעם *רעכטן* אָפּנויג.

כ׳ בוכאַרין האָט דאָ גערעדט װעגן דער „בירגערלעכער קעמפונג“ פון דרײַ מיטגלידער פון דער פּאָליט=ביוראָ, װאָס װערן „דורכגעאַרבעט“, לויט זײַן אויסדריק, דורך די אָרגאַניזאַציעס פון אונדזער פּאַרטײ. ער האָט געזאָגט, אַז די פּאַרטײ האָט די דרײַ מיטגלידער פון פּאָליט=ביוראָ, די כ. כ. בוכאַרין, ריקאָװ און טאָמסקי „בירגערלעך געקעפּט“, מיט דעם, װאָס זי קריטיקירט זײערע פעלערן אין דער פּרעסע און אַף פאַרזאַמלונגען אין

דער צייט, ווען זיי, דידאָזיקע דריי מיטגלידער פון פּאָליט־ביוראָ, זיינען געווען „געצוווּנגען“ צו שווייגן. דאָס זיינען פּוסטע זאַכן, כאַ־ווײרים. דאָס זיינען פאַלשע ווערטער פון אַ ליבעראַל־געשטימטן קאָ־מוניסט, וואָס פּרוּווט זיך פאַנאַנדערצושרויפן די פּאַרטיי אין איר קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג.

באַ בוכאַרינען קומט אויס, אַז אויב ער און זיינע פריינט ווײנען געבליבן שטעקן אין רעכט־אָפּאָרטוניסטישע פעלערן, האָט די פּאַרטיי קיין רעכט ניט צו דעמאַסקירן דידאָזיקע פעלערן, דאַרף די פּאַרטיי אופהערן דעם קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג און וואַרטן אַף דעם מאָמענט, ווען דעם כ׳ בוכאַרין און זיינע פריינט וועט זיך פאַרוועלן אָפּזאָגן פון זייערע פעלערן. צי פאַרלאַנגט ניט צופיל פון אונדז כ׳ בוכאַרין? צי מיינט ער ניט, אַז די פּאַרטיי עקזיסטירט פאַר אים און ניט ער פאַר דער פּאַרטיי? און ווער צווינגט אים צו שווייגן, צו געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון רו, ווען די גאַנצע פּאַרטיי איז מאָביליזירט קעגן דעם רעכטן אָפּנויג און פירט אַנטשיידענע אַטאַקעס קעגן די שוועריקייטן? פאַרוואָס זאָל דער כ׳ בוכאַרין און זיינע נאָענטסטע פריינט ניט אַרויסטרעטן אַציגד און זאָל ניט פירן אַ אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג און דער טאָלעראַנטלעריי? צי קאָן ווער סע איז צווייפלען דעריז, אַז די פּאַרטיי וואָלט באַגריסט דעם כ׳ בוכאַרין און זיינע נאָענטסטע פריינט, ווען זיי וואָלטן זיך באַשלאָסן אַף דעמדאָזיקן, שוין גאָר ניט אַזאַ שווערן, טריט? איז פאַרוואָס באַשליסן זיי זיך ניט אַף דעמדאָזיקן, סאָפּקאָלסאָף, אָבליגאַטאָרישן פאַר זיי טריט? צי דען ניט דערפאַר, ווייל די אינטערעסן פון זייער גרופּע שטעלן זיי העכער פון די פּאַרטיי־אינטערעסן און פון איר גענעראַלער ליניע? ווער זשע איז שולדיק דעריז, וואָס אינעם קאַמף קעגן רעכטן אָפּנויג זיינען די כ. כ. בו־כאַרין, ריקאָוו און טאָמסקי ניט געוואָרן? צי איז דען ניט קלאָר, אַז די שמועסן וועגן „בירגערלעכער קעפּונג“ פון די דריי מיט־גלידער פון פּאָליט־ביוראָ איז אַ שלעכט־פאַרמאַסקירטער פּרוּוו

פון די דריי מיטגלידער פון פּאָליט־ביוראָ צו צווינגען די פּאַרטיי צו פאַרשווייגן און אופצוהערן דעם קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג?

דער קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג איז ניט קיין צווייטראַנגיקע אופגאַבע פון אונדזער פּאַרטיי. דער קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג איז איינע פון די אַנטשיידנדיקע אופגאַבן פון אונדזער פּאַרטיי. אויב מיר וועלן אין אונדזער אייגענער סוויווע, אין אונדזער אייגענער פּאַרטיי, אין פּאָליטישן שטאַב פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס פירט אָן מיט דער באַוועגונג און וואָס פירט פאָרויס דעם פּראָלעטאַריאַט, — אויב מיר וועלן אין דעמדאָזיקן שטאַב דערלאָזן די פרייע עקזיסטענץ און די פרייע פונקציאָנירונג פון די רעכטע אָפּנויגלער, וואָס פּרוּוון זיך דעמאָביליזירן די פּאַרטיי, דעזאָרגאַניזירן דעם אַרבעטער־קלאַס, צופּאַסן אונדזער פּאָליטיק צו די געשמאַקן פון דער „סאָוועטישער" בורזשואַזיע און אָפּצוטרעטן, אַף אַזאַ אויפן, פאַר די שוועריקייטן פון אונדזער בויונג, — אויב מיר וועלן דאָס אַלץ דערלאָזן, איז וואָס וועט דאָס באַטייטן? צי וועט דאָס דען ניט באַטייטן, אַז מיר ווילן פאַרטאָרמאָזירן די רעוואָליוציע, דעזאָרגאַניזירן אונדזער סאָציאַליסטישע בויונג, אַנטלויפן פון די שוועריקייטן, אָפּגעבן די פּאָזיציעס די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן? צי פאַרשטייט כ' בוכאַרינס גרופּע, אַז אָפּזאָגן זיך פונעם קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג, מיינט פ אַ ר ראַ ט ן דעם אַרב.־קלאַס, פ אַ ר אַ ט ן די רעוואָליוציע? צי פאַרשטייט כ' בוכאַרינס גרופּע, אַז אויב מע זאָל ניט בייקומען דעם רעכטן אָפּנויג און די טאָלעראַנטלעריי, וועט ניט מעגלעך זיין בייצוקומען די שוועריקייטן, וואָס שטייען פאַר אונדז, אויב, ווידער, מע זאָל ניט בייקומען דידאָזיקע שוועריקייטן, וועט אומעגלעך זיין צו דערשלאָגן זיך אַנטשיידנדיקע דערפאָלגן אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן נאָך דעם אַלעם די נעבעכדיקע ווערטער וועגן דער „ביר־גערלעכער קעפּונג" פון דריי מיטגלידער פון דער פּאָליט־ביוראָ?

ניין, כאַווײרים, מיט דער ליבעראַלער פּלוידעריי וועגן „בירגערלעכער קעפּונג" וועט איר די פּאַרטיי ניט אָפּשרעקן. די פּאַרטיי

פּאָדערט פון אייך אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דעם רעכטן אָפּנויג און דער טאָלעראַנטלעריי אין איין שערעננגע מיט אַלע מיטגלידער פונעם צ. ק. פון אונדזער פּאַרטיי. זי פּאָדערט דאָס פון אייך קעדיי צו פאַרגרינגערן די מאָביליזירונג פונעם אַרבעטער-קלאַס, קעדיי צו אָרגאַניזירן דעם אָנגריף פונעם סאָציאַליזם איבערן גאַנצן פראָנט, קעדיי צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די קלאַסן-סאָנים און זיכערן דאָס בייקומען די שוועריקייטן פון אונדזער בוויונג. אָדער איר וועט דידאָזיקע פאָדערונגען פון אונדזער פּאַרטיי-אויספילן, — און דעמאָלט וועט די פּאַרטיי אייך באַגריסן, אָדער איר וועט דאָס ניט טאָן, — אָבער דעמאָלט האָט טיינעם צו זיך אַליין.

---

# אינהאלט


זײַט

1. דער קלאסן-איבערוק און אונדזערע כעלוקעדייעס . . . . . . . . . . . 3
2. די כעלוקעדייעס לויט דער ליניע פונעם קאָמינטערן . . . . . . . . . 13
3. די כעלוקעדייעס לויט דער ליניע פון דער אינערלעכער פּאָליטיק . . . . . 21
   א) וועגן קלאסנקאמף . . . . . . . . . . . . . . . . . 22
   ב) וועגן דער פארשארפונג פונעם קלאסנקאמף . . . . . . . . . 29
   ג) וועגן פויערטום . . . . . . . . . . . . . . . . . 34
   ד) וועגן דעם נעפּ און די מארק-פארהעלטעניש . . . . . . . . . 38
   ה) וועגן דעם אנטוויקלונג-טעמפּ פון דער אינדוסטריע און וועגן די נײַע צוזאמענשלוס-פאָרמען . . . . . . . . . . . . . 44
   ו) בוכארין אלס טעאָרעטיקער . . . . . . . . . . . . . . 57
   ז) פינפיאָריקער פלאן אָדער צווייאָריקער פלאן . . . . . . . . 69
   ט) וועגן די פארזיי-שעטעכן . . . . . . . . . . . . . . 73
   י) וועגן די ברוט-פארגרייטונגען . . . . . . . . . . . . 76
4. וועגן דעם קאמף קעגן רעכטן אָפּנויג . . . . . . . . . . . . 83

## צענטראלער פעלקער-פארלאג פון פ.ס.ס.ר

מאָסקווע, צענטר, ניקאָלסקאַיא 10

# אפן ביכער-לאגער פון פארלאג

## — געפינען זיך אין פארקויף: —

פרייז

1. ל. קאהאנאָוויטש—סאכאקלען פונעם נאָ-
יאבער-פלענום פון צ.ק.אל.ק.פ.(ב.) 86 ז. . 15 ק.
2. י.סטאלין — צו די פראגן פון דער אגראר-
פאָליטיק אין פ. ס. ס. ר. 54 ז. . . . 8 ק.
3. דער סאָציאַליסטישער פארמעסט פון
די מאסן 64 ז. . . . . . . . . . 10 ק.
4. א. ק. אזיזיאן — דער פינפיאָריקער אנט-
וויקלונגס - פלאן פון דער לאנדווירט-
שאפט. . 96 ז.
5. מייבערג, ב. — דער פינפיאָריקער פלאן
פון גרויסע ארבעטן. 46 ז. . . . . . 10 ק.
6. פארביקע פלאקאטן—פינפיאָריקער פלאן
פון גרויסע ארבעטן. די אנטוויקלונגס-
וועגן פון דער אינדוסטריע און פון דער
לאנדווירטשאפט (צוויי פלאקאטן) . . . 1 ר.
7. זעקצער, מ. ל. און אליקארי או. א.—
דער פינפטער אלפארבאנדישער ראטן-
צוזאמענפאָר וועגן די אנטוויקלונגס-
וועגן פון דער פאָלקסווירטשאפט. 93 ז. 20 ק.
8. מ. אלטשולער—אנטירעליגיעזער לערנ-
בוך. 230 ז. . . . . . . . . . 1 רובל
9. י. יאראָסלאווסקי—וועגן די מעטאָדן און
צילן פון דער אנטירעליגיעזער ארבעט. 94 ז.

## מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

Центриздат — Москва, Центр, Никольская 10

און אין די אָפטיילונגען אף די ערטער